STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06082

IN DI NEGL FUN UMKUM

Esther Bas-Meltzer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אסתר באַס - מעלצער

אין די נעגל פון אומקום

איבערזעצט פון פויליש דורך
אהרן זשוכאָוויצקי

מאָנטרעאָל, 1950

אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע ניי־געקומענע בעלנזער
אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדאַ.

די גאַנצע הכנסה גייט לטובת די
בעלזער עולים אין ישראל.

ESTHER BAS-MELTZER

In The Claws of Destruction

Copyright
ESTHER BAS-MELTZER
Montreal

1 9 5 0

Printed in Canada
CITY PRINTING CO.

אַ באַגלייטוואָרט פון אַ לאַנדסמאַן

אַז די קליינע אסתרקע איז אָנגעקומען קיין מאָנטרעאַל, אַנטלויפנדיק פון גיהנום, האָט זי מיר געוויזן אַ קליין בינטעלע כתבים און געזאָגט: אָט דאָס איז עס אַלץ, וואָס איך האָב אָפּגעראַטעוועט פון גרויסן אומגליק. לעז עס און וועסט שוין מער קיין פראַגעס נישט פרעגן. איך האָב צענומען דאָס בינטל כתבים. עס זענען געווען עטלעכע און פופציק בלעטלעך. איך האָב גענומען לעזן און ווישן אַ טרער נאָך אַ טרער. אַהיימגענומען דאָס בינטל און די בלעטלעך געלעזן און ווידערגעלעזן אַ לאַנג צעווייטיקטע נאַכט ביז טאָג.

אסתרקע — איינע פון אונדזערע זעקס מיליאָנען, אסתרקע — איינע פון די 19 טויזנט יידן אין כעלם, וואָס האָבן אַליין געמוזט אַרויסרייסן די מצבות פון אונדזער 300־יעריקן בית־עולם, מצבות פון זייערע אייגענע טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע, און עלטער־עלטער־זיידעס און פלאַסטערן מיט זיי די גאַסן, וואָס היינט טרעטן אויף זיי פּאָליאַקן, וואָס אַזאַ גרויסער טייל פון זיי זענען געווען היטלערס אַרויסהעלפערס.

כאָטש אין דעם ביכל ״אין די נעגל פון אומקום״ ווערט גאָנץ ווייניק דערמאָנט אונדזער פאַרגאַנגענע יידישע שטאָט כעלם, ווייל אסתרקע איז באַצייטנס פון דאָרט אַוועק, פילט אָבער אַ לאַנדסמאַן היימישקייט און אייגנ־קייט אין יעדן וואָרט.

פאַרהאַנען שוין, ליידער, מענטשן, וואָס זענען זייער גלייכגילטיק געוואָרן צו די ביכער פון ליידן. זיי מיינען, אַז אָט די ביכער ברענגען שוין נישט מער קיין נייעס. זיי מאַכן אָבער אַ ביטערן טעות, אָט די גלייכגילטיקע; דער טעות נעמט זיך אפשר דערפון, וואָס זיי לעזן נישט אָט די ביכער און ווייסן נישט, אַז יעדעס פון זיי ברענגט ליידער, דווקא יאָ עפּעס ״נייעס״, עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין די אַנדערע ביכער נישט געווען. אַז עס וועט אַמאָל געשריבן ווערן די גרויסע עפּאָפּייע פון אָט די מענטשלעכע ליידן, וועלן די שרייבער פון יענעם ווערק מוזן אָנקומען צו די קליינע, אויסגעווייטיקטע ביכלעך.

דאָס ביכל פון אסתר באָס־מעלצער ווערט אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע ניי־אָנגעקומענע כעלמער לאַנדסלייט אין מאָנטרעאַל. די גאַנצע הכנסה ווערט באַשטימט פאַר אונדזערע לאַנדסלייט, נייע עולים אין ישראל. מיר שטייען אין אַ קאָנטאַקט מיט זיי און מיר ווילן זיי העלפן אין זייער איצטיקער צייט־

ווייליק־שווערער לאַגע. אונדזערע אייגענע נײַ־אַריבערגעקומענע האָבן זיך שוין ווי נישט איז איינגעאָרדנט דאָ — ווילט זיך עפּעס טון פֿאַר לאַנדסלייט, וואָס זענען מאָמענטאַן אין אַ שווערערער מאַטעריעלער סיטואַציע, די לאַנדסלייט אין ישראל. דירעקט און פּערזענלעך העלפֿן איז זיי דערוויַיל שווער, אָבער קאָלעקטיוו העלפֿן איז שוין מעגלעך. ווען טאַקע די הכנסה פֿון אָט דער אויסגאַבע זײַן די קאָלעקטיווע הילף מצד די נײַ־אַריבערגעקומענע אין קאַנאַדע. מיר — עלטערע תושבים — וואָס דאָס מזל האָט אונדז פֿאַרשפּאָרט דורכצומאַכן דירעקט דאָס גרויסע אומגליק, באַגריסן דערמיט האַרציק אונדזערע נײַע לאַנדסלייט צו זייער טאַט.

איטשע אַכטמאַן.

מאָנטרעאַל, אָקטאָבער 1950.

אַריינפיר

פאַרהאַנען אין מאַמע־לשון אַ ווערטל: מען זאָל עס דערציילן אין פריידן... מחמת דאָס לשון אונדזערס, וואָס האָט אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער דורכ־געמאַכט מיט יידן קאַלטס און וואַרעמס, איז אַ לשון נישט נאָר פון קרעכץ און זיפץ, נאָר אויך אַ לשון פון טרייסט. אָבער נאָר צו פאַרגענגלעכע צרות ווערן אַנגעווענדט די ווערטער: מען זאָל עס דערציילן אין פריידן... דורכגעגאַנגענע טראַגעדיעס, מיט בלייבנדיקע ווונדן קען מען אין קיין פריידן נישט דערציילן. קיינמאָל נישט.

און כאָטש אָט די ווייטערדיקע, גרויליקע מעשה וועגן דעם, וויאַזוי איינע פון די זעקס מיליאָנען אומגעקומענע, און עטלעכע הונדערט טויזנט דורך אַ צופאַל געראַטעוועטע, האָט זיך געוויקלט אין די נעגל פון אָט דעם אומקום — ווערט איבערגעגעבן צום דרוק זעקסטהאַלבן יאָרן נאָך די לײדן גופא — פון קיין ״דערציילן זי אין פריידן״ קען קיין ריידן נישט זיין. ערשטנס, ווייל איבערלעבונגען פון איינער פון פיר אין אַ קעלער, פון וועלכע דריי זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער אין די שווערסטע עינוים, קענען, אפילו אין הונדערט יאָר אַרום, נישט דערציילט ווערן מיט אַ רואיק געמיט, און צווייטנס איז וואָס פאַר אַ פריידיקער צייט, פריידיקער ווערט לעבן מיר דאָס איצט — אומשטיינס־אונדז־געזאָגט?...

פאַרהאַנען צווישן אונדזערע — בעסטע אפילו — יידן אַ זאָגעכץ: געגוג מיט די מעשיות וועגן צרות! מיר קענען עס שוין מער נישט פאַרטראָגן! דערציילט אונדז עפּעס פריילעכס! זיי זענען שוין אַסך ווייטער געגאַנגען ווי דאָס דערמאָנטע פאָלקס־ווערטל... זיי ווילן אַלץ פאַרוואַנדלען אין אַ פריילעכס. אַוודאי קען מען זיי נישט נעמען ערנסט. אָבער עס זענען אויך פאַרהאַנען ערנסטע שטימען וועגן דער נויטווענדיקייט אויפצוהערן מיט דער טרויער־ליטעראַטור, דער דאָקומענטאַציע פון אונדזער גרויסן בראַנד.

אויפהערן? — וואָלט זיך זיי ווען ענטפערן, פרעגנדיק, וויאַזוי קען מען אויפהערן, אַז ביכער וועגן די טראַגעדיעס זענען ביז איצט פאַראַנען עטלעכע טויזנט, און טראַגעדיעס זענען געווען זעקס מיליאָנען, וואָס זענען דערפירט געוואָרן ביזן לעצטן אָטעם פון די קרבנות — און הונדערטער טויזנטער, וואָס האָבן זיך דורך אַ נס אין דער לעצטער רגע אָפּגעראַטעוועט, טאַקע ווי די שרייבערין פון דעם דאָזיקן קליינעם בוך פון גרויסע לײדן, אסתר באַס־מעלצער?! ווי קען מען אויפהערן? שוין? זאָלן כאָטש די ביכער פון די טראַגעדיעס פון די לעבן געבליבענע אויפגעשריבן ווערן, ווארום די ביכער פון די טויטע, וואָס זייערע לײדן זענען דאָך נאָך גרעסער געווען, וועט דאָך שוין קיינער נישט אויפ־

שרייבן מיט דער פולער אויטענטישקייט — טאַקע ווי אַט דאָס בוך, וואָס ליגט דאָ איצט פֿאַר אייך, חשובער לעזער, אָדער לעזערין — איז אויפֿגע־שריבן געוואָרן. אין אַט דעם בוך — פּונקט ווי אין אַסך אַזעלכע ביכער — איז דאָך נישט קיין איין וואָרט "ליטעראַטור" אָדער "פּאָעזיע" — און דאָס איז זייער גרעסטער ווערט. און אויב דאָ און דאָרט זענען פֿאַרהאַנען פּאָעטיזירנדיקע שטעלעס — ווי ביי אסתר באַס־מעלצער — זיינען זיי אין ד ע ם ראַמען אויך דאָקומענט.

ווי דורכאויס אויטענטיש עס איז דאָס בוך פֿון אסתר באַס־מעלצער קען מען זען דווקא נאָך מער פֿון יענע ערטער, וווּ זי זאָגט אַ גוט וואָרט אויף פּאָליאַקן — אייניקע פֿון טויזנטער — און אַפילו אויף דייטשן — אייניקע פֿון מיליאָנען... אין פֿינצטערן שפּיגל פֿון אַ חיה־געוואָרענער וועלט, זענען פֿאַר איר די עטלעכע ליכטיקע מענטשלעכע פּונקטן געווען ממש זונען... אַזוי האָט זי עס איבערגעלעבט און אַזוי האָט זי עס איבערגעגעבן אין דעם בוך פֿון א י ר ע ליידן.

אַז איך האָב מיט אַ שטיק צייט צוריק באַקומען פֿון אסתר באַס־מעלצער צו לעזן ד ע ם כתב יד, האָט זי מיר באַלד געשטעלט די פֿראַגע: — איז עס ווערט מען זאָל עס פֿאַרעפֿנטלעכן? נאָך נישט האָבנדיק געלעזן אַפילו, האָב איך געענטפֿערט "יאָ", צוליב פּרינציפּיעלע טעמים. אָבער האָבנדיק געלעזן, האָב איך שטאַרק צוגערעדט, אַז די פֿאַרצייכענונגען זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן, מחמת זיי אַנטהאַלטן אַן אַנדערשדיקן פּרט, אַ פּרט וואָס וועט אפשר אַמאָל דינען ווי נ אָ ך אַ ש ט י י ן צום גרויסן בנין פֿון אַ טרויער־דענקמאָל אין וואָרט, וואָס אַ גרויסער דיכטער ביי יידן — אויב אַ ז אַ כ ו ח איז גאָר מענטשן־מעגלעך — וועט אַמאָל אויפֿבויען, אויף צו פֿאַראייביקן דעם דריטן יידישן חורבן.

אויף דער טרויער־הייסער מינוט, הייס ווי פֿרישע טרערן, האָט די שרייבערין פֿון דעם דאָקומענט אים פֿאַרפֿאַסט אין דעם לשון, וואָס איז איר דעמאָלט צום נאַטירלעכסטן געפֿלאָסן פֿון אונטער דער פּען — פּויליש. אָבער עס וואָלט נישט געהאַט קיין זינען אַרויסצוגעבן דאָס בוך אין פּויליש, דעריבער איז עס דורך אהרן זשוכאָוויצקי איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש. זאָל אים דאָ געדאַנקט ווערן דערפֿאַר. אסתר באַס־מעלצער איז געבוירן און אויפֿגעצויגן אין כעלם און די כעלעמער לאַנדסלייט אין מאָנטרעאַל, האָבן — גוט פֿאַרשטייענדיק זייער לאַנדסמאַנישן חוב — דערמעגלעכט די דאָזיקע אויסגאַבע.

מ ל ך ר אַ וו י ט ש .

מאָנטרעאַל, 23טן אָקטאָבער 1950.

אין די נעגל פון אומקום

װאַרשע, יולי 1942

אַ גרױסע דרײַ שטאָקיגע געבײַדע אױף לעשנע 72. בײַם אײַנגאַנג שטײט אַ ײדישער מיליציאַנער, װעלכער שמועסט מיט אײנעם אַ הער. איך שטײ און װאַרט.

מיט גרױס מי איז מיר געלונגען דערשלאָגן זיך צום טױער. די געבײַדע איז באַלאַגערט פון דערשלאָגענע, דענערװירטע ײדן, װעמענס אױגן דריקן אױס פולשטענדיגע פאַרצװײפלונג.

עס איז פשוט דאָס לעצטע רעטונגס ברעט אַרײַנצוקריגן זיך אױף אַרבעט צום „טעבענסן״ (דײַטשע אַרבעטס װאַרשטאַטן פאַר ײדן). נעכטן זײַנען אָנגע־נומען געװאָרן אַזעלכע, װעלכע האָבן צוגעשטעלט נײ־מאַשינען, הײַנט העלפן נאָר גרױסע געלט סומעס אָדער פּראָטעקציע.

איך ענטשולדיג זיך פאַר דעם מיליציאַנער און בעט אַנצװײַזן מיר דעם אַרײַנגאַנג אין ביוראָ. „רעכטס אױפן צװײטן שטאָק״ ענטפערט ער מיר. דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרק: מ׳װעט אָננעמען אָדער ניט? ברײטע שטײנערנע טרעפּ פירן אױפן צװײטן שטאָק. אױף דער טיר אַ קלײנע שילד „ביוראָ״ איך גײ מוטיג אַרײַן. עטלעכע מענער, װעלכע זײַנען באַשעפטיקט אין ביוראָ, קערן אָפּ זײערע בליקן אין מײַן זײַט. איך האָב אַן אָנװײַזונג פון אַרבעטס־אַמט, זאָג איך, און דערלאַנג זײ אַלע מײַנע באַשטעטיקונגען פון שולע, און פון פאַרשי־דענע אַרבעטס פּלעצער.

זײ לײענען און דעבאַטירן. װי עס שײַנט, שמעקט זײ ניט דער קאַנ־דידאַט, אָן געלט און אָן פּראָטעקציע.

דאָס איז דאָך אָבער אַ פאַכמאַן זאָגט צו לעצט דער לײטער. קומט מיט מיר. ער פירט מיר אַרײַן אין אַ גרױסן זאַל.

אַ קאָלאָסאַלער דרײַ פענצטערדיקער צימער. בײַ די װענט זײַנען אײַנ־סטאַלירט מאַשינען. קעגן איבער טישן און פּרעס אײַנריכטונגען. בײַ דער זײַט זײַנען אױסגעהאַנגען אױסגעפּאַרטיגטע קינדער־קלײדער. בײַם אײַנגאַנג לענג אױס דער װאַנט אַ לאַנגער טיש. דאָרט זיצן די נײטאָרנס. אין דער צװײטער זײַט ליגט אױף אַ טיש צוגעשניטענע שטאָף.

״איר האָט פאַר זיך אַ פאַכמאַן״, זאָגט דער לײטער צו דער פאַר־אַרבע־טעריז, אָנװײַזענדיק אױף מיר. די לעצטע באַטראַכט מיר און מײַנע צײַגענישן

און זאגט, זייענדיג מסופק אין מיינע קענטנישן: „איך וועל פּרובירן״. זי פירט מיר אריין אין גאַרדעראָב וואו איך נעם אַראָפּ מיין מאַנטל, און פירט מיר צו צו דער מאַשין.

„אַט דאָ האָט איר אַרבעט. איר דאַרפט זיך באַמיען אַז זיי זאָלן געמאַכט ווערן שיין און זאָרגפעלטיג, אין פאַרלויף פון טאָג דאַרפט איר אויסאַרבעטן הונדערט פּופציק פּאָר אַזעלכע אַרבעל״.

איך האָב קיינמאָל ניט געאַרבעט ביי קאָנפעקציע, אָדער קאָנווייער אַר־בעט. איך טאָר אָבער קיינעם דערפון ניט דערציילן. איך זעץ זיך צו דער מאַשין און פאַנג אָן דרייסט צו אַרבעטן. איך ניי, מיר שיינט, אַז עס גייט גוט. אַזוי ניי איך אָן איבעררייס ביז 12 אַזייגער. עס דערהערט זיך אַ קלונג צו מיטאָג. „אַ לעפל האָט איר?״ פרעגט מיר מיין שכנה. „יע״ איך האָב, אויב איר וועט מיר דערלויבן וועלן מיר גיין צוזאַמען, ווייל איך ווייס ניט וואוהין״.

זי איז אַ גאַנץ סימפּאַטישע בלאָנדינקע. מיר האָבן גלייך דערפילט אַ קעגנזייטיקע פריינטשאַפט. איך בין זייער נייגעריק צו וועט דער פרוי זינגער (די לייטערן) געפעלן ווערן מיין אַרבעט. זאָג איך צו איר. „אויב עס וועט איר ניט געפעלן ווערן, דאַרפט איר זיך אויך ניט ערגערן. מען זעט דאָך גלייך, אַז איר זייט אַ פאַכמאַן, ביי אונדז זיינען אַזעלכע ווי איר זייער ווייניג. איך, צום ביישפיל, בין אַ גאַרסעטן־מאַכערין. און דאָ בין איך די ערשטע אַרבעטערין״.

איך האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, אַז עס איז ריכטיג: די בעסטע און גרעסטע נאָרמע פלעגט אויסאַרבעטן פרייליין ריסיע זאַנגער.

זיבן אַזייגער אין אָונט לייגט יעדער אַרבעטער צונויף זיין אויסגע־פאַרטיגטע אַרבעט און גיט עס איבער דער לייטערין. צו מיר איז אָבער פרוי זינגער אַליין צוגעגאַנגען און דורכקוקנדיג יעדן אַרבל באַזונדער, האָט זי מיר דערקלערט ווי אַזוי איך זאָל צונויפלייגן און איר איבערגעבן.

די נאָרמע האָב איך ניט געמאַכט, ווייל איך בין נאָך ניט איינגעאַיבט. „עס מאַכט ניט אויס״ זאָגט זי, עס ווייזט אויס אַז איר איז געפעלן מיין אַרבעט.

אויף מאָרגן איז די אַרבעט געגאַנגען פיל בעסער, נאָכן אָפּאַרבעטן 4 טעג רופט מען מיר אַריין אין דער צושניידער אָפּטיילונג.

אויף די פּאָליצעס ליגן גאַנצע שטויסן שטאָף. ביי אַ גרויסן טיש שטייען צוויי צושניידער און, באַנוצענדיק זיך, מיט אַן עלעקטרישע מאַשין, גרייטן זיי פאָר אונדז אַרבעט. דער לייטער נעמט אַראָפּ אַ שאַכטל און, אַרויסנעמענדיק אַ קליידל זאָגט ער: „קאָפּירט מיר אָפּ דעם מאָדעל, די נעט און פּליסאָפּקע דאַרפן געמאַכט ווערן ווי מיט דער מאַשין. ווייל מיר האָבן ניט קיין פּליסיר מאַשין״.

איך וועל פרובירן, זאָג איך, און נעם מיט דאָס צוגעשניטענע קליידל.

״ווען איר ווערט דאַרפֿן מאַכן די פֿאַלדן וועל איך צוקומען״. זאָגט צו מיר דער שניידער מייסטער הער שטיין. איך זעץ זיך צו דער מאַשין. אין אַ פּאָר מינוט קומט ער צו און זעצט זיך ביי דער מאַשין. מיט זיינע גענייטע פינגער רוקט ער צו אונטער דער נאָדל אַ לאַנגן שמאָלן פּאַס שטאָף און ווי מיט אַ סענטימעטער מאַכט ער די פֿאַלדן. אַזוי אַרבעט ער אַ מינוט פינף, דערנאָך שטייט ער אויף און לאָזט מיר אַפּ דעם פּלאַץ. „איר ווערט מאַכן אַ שטיקל פּליסאַפּקע און ברענגען מיר באַווייזן״.

איך בין געווען שטענדיג פֿאַרעכנט פֿאַר אַ זייער פֿעהיגע שילערין און אויך אין דעם פֿאַל האָב איך זיך ניט אַנטוישט אין מיינע פֿעהיגקייטן. איך האָב עס געמאַכט ווי געהעריג.

באַוד גייט! דערהערט זיך אַ שטילער געמורמל. דאָס איז דער דייטשער פֿאַבריקס־דירעקטאָר, אינפֿאָרמירט מיר שטילערהייט מיין שכנה.

קיינער דערוועגט זיך ניט אויפצוהייבן די אויגן. עס באַגלייט אים הער שטיין. ביי מיין מאַשין פֿאַרהאַלט ער זיך. איך וויל זיך אויפשטעלן, נאָר באַוד לייגט אַוועק די האַנט אויף מיין אַקסל, ד.ה. אַז איך קען בלייבן זיצן.

״זי נייט אויף דער מאַשין אַזוי ווי זי וואָלט געשפּילט פּיאַנאָ״, זאָגט ער ענדליך. אויף אַזאַ אויפֿן באַקומענדיג די אַנערקענונג פֿון דעם דירעקטאָר, בין איך געוואָרן די פּאַקטישע מייסטערין פֿון אונדזער אַפּטיילונג.

אַ צופֿרידענע לאָז איך זיך גיין אַהיים וואו עס וואַרטן אויף מיר מיין יינגערע שוועסטער, דער ברודער, די שוועגערין מיט זייער קינד.

„נו, ווי גייט עס דיר? גוט וואָס דו האָסט געקריגן אַרבעט״. עס זיינען דאָ באַקאַנטמאַכונגען אַז אַן אַרבעטס־קאַרטן ווערט מען ניט טאָרן וואוינען אין וואַרשע. מיין ברודער איז געווען אַ כעמי־אינזשינער און אַ באַקטעריאָלאָג. ער אַרבעט אין בריאות, האָט אַן אַרבעטס־קאַרטע מיט אַלע דאָקומענטן וועלכע זיינען בלומרשט נויטיג צו ראַטעווען דאָס לעבן.

די שוועסטער אַרבעט אין קאָמיסאַריאַט און האָט אַזוי אַרום אויך רעכט אויף לעבן. הייסט עס אַז עס איז שוין גוט.

נאָר ליידער איז עס זייער ווייט דערפֿון. געשען איז עס דעם 22־טן יולי, 1942. נאָכן אָפּאַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט, בין איך געקומען אַהיים אָפּצורוען אַ פּאָר שעה און צוריקקערן אין ״ווערק״. דער קאָפּ איז מיר שווער, די פיס געשוואָלן פֿון ערשעפּונג, איך גרייט צו דאָס בעט צום שלאָפֿן.

נאָר פּלוצים באַהערשט מיר אַן אומרואיגער פֿאַרגעפֿיל. עס האָט פּאַסירט אַן אומגליק, גיב איך אַ טראַכט.

דער ברודער איז ווי געווייינלעך אַוועקגעגאַנגען זיבן פֿרי, מיט דער

פרוי און קינד, אין שפיטאל צו דער ארבעט. שטענדיק פלעג איך גייענדיג צו דער ארבעט אפטרעטן אין שפיטאל צו זען אים. געוואוינט האב איך, נאך דער אויסזידלונג פון זעלנא 27, אויף זאמענהאף 8.

איך לויף דורך קארמעליצקע. פון דערווייטנס זע איך ווי מען טרייבט מענטשן פון לעשנא אין דער ריכטונג פון דזעלנא. איך פרעג שוין ניט וואס דאס באדייט. איך ווייס גענוי — דאס איז, אן אקציע. מען כאפט מענטשן אויף דער גאס, מעןווארפט זיי אריין אין אויטאס אדער מען טרייבט זיי אין געדיכטע רייען ווי בהמות גלייך אויף דעם אומשלאג־פלאץ.

פון דארטן ווערן די אומגליקלעכע אוועקגעפירט צום טויט אין די קרע־מאטאריעס פון אשווענצים, מיידאנעק, טרעבלינקע, א.א.וו.

איך כאפ זיך אריין אין א שכנה׳שע הויז, און באהאלט זיך אין קעלער. איך הער שרעקלעכע קולות פון פארצווייפלונג, קרעכצן, און געוויין. אט דאס איז דער לעצטער וועג, אט דאס זיינען די לעצטע ווערטער, די לעצטע שטימען פון טענות — פאר וואס?

איך האלט זיך קראמפהאפט אן א פאס, וועלכער שטייט אין ווינקל פון קעלער און ווארט ביז די טויט־פראצעסיע וועט דורכגיין און וועל קענען ארויסגיין. מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג הער איך זיך צו צו די קולות און יללות, וועלכע דערווייטערן זיך לאנגזאם.

ענדליך באהערשט די גאס א טויטע שטילקייט.

איך קריך ארויס און זע ניט קיין לעבעדיגן נפש. איך יאג זיך שטיל פארויס, ביז איך קום אריין אין שפיטאל. גלייך ביים אריינגאנג שטייט ד״ר פראנק אן אונגעדולדיגער, פונקט ווי ער וואלט מיך אפגעווארט. ״דעם הער אינדזשיניער האט מען, אויפן וועג צום שפיטאל, פארנומען״. שרייט ער אויס. „פרובירט זיך צו דערשלאגן אין שפיטאל צו ד״ר גאלדבאנד. פיליכט וועט ער געפינען אן עצה. מיר האבן שוין געקלונגען און געשיקט א מיליציאנער, נאר דערווייל איז גארניט ארויסגעקומען. זיינע ווייטערדיגע רייד הער איך שוין ניט. מיט פארטערטע אויגן און צובראכן הארץ אייל איך אויף נאוואליפיע צו שולצין. (דייטשע ארבעטס־ווארשטאטן). די ווארשטאטן זיינען ארומגע־צוימט. מען קען זיך אהין באקומען נאר מיט אן אפיציעלן אויסווייז. דאס מאכט מען מיר ניט קיין שוועריגקייטן. איך ווענדע זיך צום מיליציאנער, וועלכער שיקט מיר אין אמבולאטאריום. אין ווארטע צימער זיצט א דיזשורנער. „צוליב זייער א וויכטיקן ענין מוז איךריידן מיט ד״ר גאלדבאנד״. זאג איך צו אים. „דער דאקטאר איז אויף א בעראטונג מיט די דייטשן און איך קען אהין ניט אריינגיין״. ענטפערט מיר דער צושראקענער אלטיטשקער. „איך בעט אייך גייט אריין און זאגט אז איך מוז מיט אים ריידן דרינגענד״.

זעענדיג מיין פארצווייפלטן פארוויינטן געזיכט איז ער אריין.

אין אַ מינוט אַרום גייט אַרויס דער דאָקטאָר. „איך ווייס, איך ווייס!״ האָט ער אויסגעשריען ניט פרעגענדיג מיר, איך האָב אָוועקגעשיקט דעם מיליציאָנער נאָר ער איז נאָך ניט צוריקגעקומען, אַז האָט איר אַן אַרבעטס־באַשייניקונג פאַר דעם ברודער און באַמיט זיך עס איבערשיקן פאַר יעדן פרייז, אויף דעם אומשלאַג־פּלאַץ, איך קען ניט אַרויס ווייל איך האָב אַ וויכטיגע זיצונג מיט די דייטשן״.

עס בלייבט מיר דער לעצטער אויסוועג צו גיין אַליין אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. אונטערוועגס באַגעגן איך צוויי יידישע מיליציאָנערן. איך וויין און בעט זיי רחמים: „ראַטעוועט מיר, מיין ברודער, איך וועל באַצאָלן וויפל איר וועט נאָר וועלן״. „איך וועל פאַר קיין שום פרייז ניט גיין״ ענטפערט איינער, „צי ווייסט איר וואָס עס טוט זיך איצט דאָרטן?״.

איך מוז אַליין לויפן — באַשליס איך. איך האָב שוין ניט וואָס צו פאַרלירן. איך לויף מיט נאָוואָליפּע צו קאַרמעליצקע, מייד אויס דזשעלנע און קום אויף זאַמענהאָף.

איך גיי איינע אַליין. מיינע אייגענע טריט שרעקן מיך. איך זע שוין פון דערווייטנס דעם טויער מיט די דאָרט שטייענדיקע זשאַנדאַרמען. מיט אַמאָל דערהער איך הינטער מיר טריט, מיין שרעק פאַרדאָפּעלט זיך, נאָר איך גיי ווייטער און קוק זיך ניט אום. ערשט איך הער — מען רופט מיך ביים נאָמען: „אסתרקע, וואוהין?״. איך קער אָפּ דעם קאָפּ — עס איז אַ באַקאַנ־טער שכן פון דזשעלנע גאַס. (אַ ייד וועלכער האָט געאַרבעט אין געשטאַפּאָ) אין קורצע ווערטער דערצייל איך אים וואָס עס האָט פּאַסירט. איך בעט רחמים ער זאָל מיר העלפן. „איר זוכט אַליין דעם טויט. וואַרט צו דאָ ביים טויער אין קעלער, לינקס איז דאָ אַן איינגאַנג אין אַ פינצטערן הייל, איך וועל אַליין גיין זען וואָס עס הערט זיך דאָרט.״ עס איז פאַריבער קוים 15 מינוט, וועלכע האָבן זיך געצויגן ביי מיר ווי אַ גאַנצע אייביקייט, ער איז צוריקגעקומען און געזאָגט: „די וואַגאָנעס זיינען שוין אָפּגעגאַנגען און אויפן אומשלאַג־פּלאַץ איז קיינער ניטאָ. איך וועל אייך אָפּפירן צום ווערק, ווייל מען קען אייך אויפן וועג פאַרנעמען.״ איך האָב שוין ניט וואָס מורא צו האָבן, ענטפער איך מיט געוויין, איך וועל גיין אַליין, איך וויל נאָכפאָרן נאָך מיין ברודער. נאָר מיין באַקאַנטער טרעט ניט אָפּ און פירט מיך אָפּ מיט גוואַלט אין ווערק.

אויף דעם גרויסן הויף איז אַ געדראַנג פון אַרבעטער. דאָ זיינען די אַלע, וועלכע האָבן געאַרבעט די נאַכט־שיכט, און זיי דאַרפן ווידער אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט. צווישן די בין איך אויך.

מיין חברטע האָט מיך גלייך באַמערקט און זעענדיק מיינע פאַרוויינטע אויגן האָט זי זיך באַמיט מיך צו באַרואיקן. לסוף האָבן מיר זיך ביידע שטאַרק צעוויינט.

עס איז צו אונז צוגעגאַנגען אַ צווייטע חברטע, אַ לאָדזשעריו — טאַלע שעסטאַקאָווסקאַ, אַ געוועזענע ביוראַליסטין — איצט אַ מאַשיניסטקע.

„ווייַן ניט, אסתרקע'', זאָגט זי, „מיר זייַנען אַלע גלייך. קומט ביידע צו מיר וועלן מיר וואוינען צוזאַמען. איך וואוין אויף לעשנאַ 52, ניט ווייט פון ווערק. איך האָב „געירשנט'' אַ וואוינונג נאָך מייַן טאַנטע, אַזוי ווי דו. איך בין געקומען אַהיים און קיינעם ניט געטראָפן אין שטוב. ריסיע זאַנגער האָט אויך מיט צוויי טעג צוריק פאַרלאָרן אַלע אירע אייגענע.''

מיט אַ צעווייטאָגט האַרץ, געשוואָלענע פיס, אײַנגאַנצן אין קרעפּטן, האָב איך אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט. זעקס אין דער פרי זייַנען מיר אַוועק אַהיים. מייַן חברטע האָט אין דער גרויסער דירה אויסגעקליבן דעם קלענסטן צימער. עס איז, געווען קענטיק, אַז די דייטשע רוצחים האָבן דאָ שטאַרק געבעל־הבית'עוועט. אויסער דעם לעבן האָבן זיי באַוויזן אויסצורויבן אַלץ וואָס האָט נאָך געהאַט אַ ווערט, אַפילו פּראָדוקטן. עס איז איבערגעבליבן בלויז דאָס מעבל. אין די אומהיימלאַכע ליידיקע צימערן האָט געשוועבט דער שטן פון טויט.

* * *

פאַר אונדזער אַרבעט פלעגן מיר באַקומען 15 דעקאַ ברויט אויף פרישטיק, אַ האַלבן ליטער זופּ צום מיטאָג, און אַ האַלבן צו אָוונט־ברויט. די אַרבעט איז געווען אין צוויי שיכטן, אַ טאָג־שיכט און אַ נאַכט־שיכט.

דער גרעסטער טייל פון די אַרבעטער פלעגט, אויס מורא פאַר אַקציעס, בלייבן אין ווערק. זייער אַפּט פלעגט מען פון די וואויך־בלאָקן צונעמען אין די וואַגאָנעס. אין די בלאָקן אויף לעשנאַ האָבן געוואוינט אונדזערע אַרבע־טער. מיר האָבן פאַרנומען דעם רעכטן זייט פון גאַס ביז קאַרמעליצקע, זייענ־דיק אַרומגערינגלט מיט אַ געמויערטן צוים. גאַנץ אָפט פלעגן פאַרקומען די אַזוי גערופענע בלאָקאַדעס־סעלעקציעס. ווי אַ סטאַדע פלעגט מען אונדז אַרויס־טרייבן אין מיטן גאַס און אויסשטעלן צו פינף פּערזאָן אין אַ רייע. געשטאַפּאָ אָפיציערן פלעגן דורכפירן די סעלעקציע. פון עטלאַכע פינפטלעך פלעגן צופעליק בלייבן איינע אָדער צוויי.

פאַרלויפיק בין איך געווען צווישן די געבליבענע. פינף אַזעלכע סעלעק־ציעס האָב איך דורכגעמאַכט. ביים דורכפירן די סעלעקציעס פלעגט מען ניט לייגן קיין אַכט צי דער באַטרעפנדער איז אַ פאַכמאַן אָדער איז געזונט. עס איז קיינמאָל ניט געווען באַוואוסט די סיבה פון בלייבן אָדער ניט. דאָס איז פּשוט געווען צופעליק. אַנדערע פון אונדז פלעגן, פאַרן אַרויסגיין, פאַרבן די באַקן און צוקעמען די האָר, בכדי אויסצוזען געזונטער און שענער. אַרויס־געוויזן האָט זיך אָבער אַז דאָס איז געווען אינגאַנצן איבעריק, ווייל דאָס פלעגט ניט העלפן.

איינע פון די שווידערליכסטע אַקציעס איז געווען אין אויגוסט 1942, אויף מילע גאַס. געשען איז דאָס אַזוי:

אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען אונדז באַקאַנט געמאַכט, אַז מיר זאָלן ניט אָנהויבן די אַרבעט, ווייל מיר דאַרפן זיך זאַפאָרט אויסשטעלן, ווי געווײנלעך, אין פינפטלעך. דער גאַנצער ווערק טראָגט זיך כלומרשט איבער אויף מילע. יעדער פון אונדז נעמט מיט זיין פעקל, מיט וועלכן ער שיידט זיך קיינמאָל ניט. דאָס איז אַ האַנטוך, אַ שטיקל זייף, אַ פּאָר וועש, אַ צאָן־בערשטל מיט פּאַסטע און עטלעכע פאַמיליע־פאָטאָגראַפיעס. אַז דעם באַגאַזש פלעגט קיינער ניט קומען צו דער אַרבעט. יעדע מינוט איז מען געווען גרייט אַרויסגעשיקט צו ווערן.

געלעבט האָט מען אייגנטלעך שטענדיק די לעצטע שעהן פון לעבן. יעדע איבערגעלעבטע שעה איז געווען אַ געווינס. נאָך יעדער סעלעקציע פלעגן מיר באַגריסן איינער דעם צווייטן, באַוויינענדיק גלייכצייטיק די אַוועקגענומענע.

נאָר איצט וועגן דער סעלעקציע אויף מילע:

אַרויסגייענדיק האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס ציט זיך נאָר איבער אונדזער ווערק און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז צו אונזער מאַרש האָט מען צוגעגעבן נאָך פיל מענטשן. עס איז געווען אויסערגעוויינליך הייס. אין די ווינטערדיקע מאַנטלען מיט די פעקלעך אויף די פּלייצעס, הונגעריקע און דורשטיקע, האָבן מיר זיך לסוף דערשלעפּט אויף מילע. די גאַס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. עס זיינען געווען פאַרזאַמלט אַרבעטער פון אַלע וואַרשטאַטן, וואַרטנדיק ניט וויסנדיק אויף וואָס.

קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז ..: נייע פּאַסטקע. מיר האָבן אַוועקגעשטעלט אַז אַ זייט אונדזער נעבעכדיקן באַגאַזש און געוואַרט.

אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מען וועט אונז באַלד אַריינפירן אין די, פאַר אונז באַשטימטע, בלאָקן.

אַט אַזוי זיינען מיר אָפּגעשטאַנען, אונטער דער ברענענדיקער זון, ביז אוונט. אַזייגער פינף פאַרנאַכט האָבן אונדזערע אָנפירער אָנגעהויבן אויס־שטעלן אונדז אין רייען.

„יעדערער מוז צוגרייטן זיין אויסוויז און עטלעכע טריט פאַר דעם טויער דאַרף ער אים האַלטן אין דער רעכטער האַנט!‟

די פּראָצעדור ווערט אונדז פאַרדעכטיק. אין דער לופט פילט זיך אַ שטאַרקע אומרואיקייט. די אָנפירער זיינען זייער דענערווירט און אויף אונ־דזערע פראַגעס ענטפערן זיי „איך ווייס ניט, איך ווייס ניט‟.

עס ווערט אַ גערודער און אַ סומאַטאַכע. איינער עצהט זיך מיטן צווייטן וואָס צו טאָן. מען מוז אַנטלויפן, אָבער וואוהין? מיר זיינען באַלאַ־

גערט מיט געסטאַפּאָווצעס און אוקראַאינער. עס איז ניטאָ קיין שום עצה.

דערווייל באַוועגט זיך די רייע אַלץ נענטער צו אונז. מיר — איך און מיינע צוויי חברטעס — זאָגן איינע צו דער צווייטער, אַז אויב מען וועט צונעמען איינע גייען מיר אַלע. אַלס צייכן פון אַ שבועה האָבן מיר זיך איין טרערן צוקושט.

מיר זיינען שוין ביים טויער. מיר גייען אַרויס איינע נאָך דער צווייטער מיט אויפגעהויבענע הענט. מיר גייען צו צו אַ טישל, וועלכעס איז געווען פאַרשטעקט הינטערן טויער פון לינקן זייט. עס זיצן צעיושעטע געשטאַפּאָווצעס. פון רעכטן זייט — אַ שפּאַלער פון יידישע מיליציאַנערן עס זאָל זיך קיינער ניט קענען אַרויסקריגן. אַ ווילדער בליק פון אויבן ביז אַראָפּ און אַ מורמל „גלייך".

איך האָב ניט געוואוסט צי דאָס וואָרט „גלייך" באַדייט גוט אָדער שלעכט, לעבן אָדער טויט. נאָר ווען איך בין צוגעגאַנגען צו די שטייענדיקע מענטשן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיר זיינען דאָס די אויסדערוויילטע צום לעבן.

דאָס גליק האָט מיך און מיינע חברטעס ניט פאַרלאָזן, מיר זיינען ווידעראַמאָל צוזאַמען. גאַנץ לאַנג זיינען מיר געשטאַנען ביז מען האָט אונז פאַראייניקט צו די איבעריקע גליקלעכע. יעדער צוגעקומענער איז אויפמערקזאַם אָבסערווירט געוואָרן. אָט גייט צו אַהער עפּעס אַ מאַן אַז אַ פּעקל. אויף דער לינקער האַנט איז אַריבערגעוואָרפן אַ מאַנטל, אין דער רעכטער דער אויסווייז. פּלוצלונג הערען מיר אַ קינדערשע שטימעלע: „טאַטעשי, שוין?". „באַלד, באַלד, זונעלע". ער גייט צו צו אונדז און שטעלט אַנידער אַ קליינעם ייִנגעלע וועלכן ער האָט געהאַלטן אונטער דעם אַריבערגעוואָרפענעם מאַנטל. אויף אַזאַ אופן האָט ער אַרויסגעראַטעוועט דאָס קינד.

מיט קינדער האָט מען קיין איין מענטש ניט דורכגעלאָזן. מען האָט אָפּגעשטעלט אויף לינקס און פון דאָרטן צו דער פאַרניכטונג.

עס איז שוין געוואָרן טונקל, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אויף לעשנאָ, יעדער צו זיין ווערק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון די 83 אַרבעטערינס האָבן זיך צוריקגעקערט 8 מאַשיניסטקעס, 3 פּרעסערקעס, און דריי נייטערינס.

אויף צומאָרגנס האָט מען פאַראייניקט דריי זאַלן אין איינעם. אַרבעט איז געווען וואָס ווייטער ווייניקער. אַלע האָבן געוואָרט אויף דער מינוט ווען מ'וועט ליקווידירן די איבערגעבליבענע. ביז איצט זיינען נאָך געווען מוטערס מיט קינדער, ווייל אין די פּריערדיקע אַקציעס פלעגן זיי אויסבאַהאַלטן די קינדער אויף די בוידעמס, אין די קעלערן, און שמאַציאַרניעס.

נאָך דער לעצטער אַקציע אָבער, איז געקומען איין פּרעסערקע, מיט אַ

4־יאריק קינד. זי האט אים איבערגעלאזן אין א באהעלטעניש. דאס קינד זיצט שטענדיק אונטערן טיש. איין מאל איז אריינגעקומען דער דירעקטאר, ה׳ שטיימאן. ער איז געווען דער איינציקער, וועלכער האט זיך באצויגן צו אונז געוויסערמאסן מיט פארשטענדעניש. ווען מען פלעגט אים וועגן עפעס בעטן פלעגט ער ניט אפזאגן. שטענדיק פלעגט ער אונדז טרייסטן, אז מ׳וועט שוין קיינעם פון אונדז ניט צונעמען. ער קומט אריין און זעט דאס קינד אונטערן טיש. ער האט זיך צוגעזעצט קעגנאיבער און אנגעהויבן רופן דאס קינד, פארלייגנדיק אים באנבאן. דאס יינגעלע האט אבער גוט געוואוסט, אז מ׳טאר זיי ניט גלויבן. און האט זיך ניט גערירט פון ארט, ניט קוקנדיק אויך אויף דער מוטערס בעטן. ער האט זיך צעוויינט און כליפענדיק א זאג געטאן: „מארעטשקען און האנקען האט מען אויך געגעבן צוקערקעס און עפעלעך און דערנאך אוועקגעפירט צום טויט. אזוי איז טאקע געווען אין דערווירקלעכקייט.

עס איז געווען א פאראָרדנונג, אז אלע קינדער זאלן איבערגעלאזט ווערן אין גערטל אונטער דער אויפזיכט פון א ספּעציעלער פּרעבליסטין. צוויי טעג האט מען געהאלטן די קינדער, מען האט זיי געטיילט צוקערלעך און עפל. אויף דעם דריטן טאג, ווען די מוטערס האבן רואיק געארבעט, זייענדיק זיכער אז זייערע קינדער שפּילן זיך אין דער דריטער הויז, זיינען צוגעפארן אויטאס און פארלאדן אלע קינדער. בליץ שנעל האט זיך צעטראגן די נאכריכט. די מוטערס האבן ניט פרעגנדיק וועגן דערלויבעניש פארלאזן די ארבעט און האבן זיך געלאזט לויפן צו זייערע קינדער, נאר ליידער איז שוין געווען צו שפּעט, און די וועלכע האבן געפּרואווט אראפּנעמען זייערע קינדער פון די אויטאס אדער אליין ארויפקלעטערן אויף די אויטאס זיינען באשאטן געווארן מיט א האגל פון קלעפּ, פון די גומענע שטעקלעך, מיט וועלכע עס האבן זיך באנוצט די בארבארן.

איינע פון די מוטערס איז דאך, ניט קוקנדיק אויף די קלעפּ, אריין אין אויטא און איז אוועקגעפארן מיט אירעביידע צווילינג־קינדערלעך.

די געוואלדן און געוויינען האבן זיך ווי מיט א שארפן מעסער אריינגעשניטן אין דער אומגעגנט. אין זאל איז א טומל און א געוויין. עס רייסן זיך אריין צוויי דייטשע שופּאס און מיט די זעלבע גומענע שטעקנס צווינגען זיי אונדז אנצוהויבן די ארבעט. אלע זעצן זיך צו די טישן און הויבן אן צו ארבעטן. די נארמע מוז געמאכט ווערן ביז 6 אזייגער, ווען עס קומט צו דער ארבעט די נאכט־שיכט. „איר זענט אהערגעקומען ניט אויף א פארשטעלונג און ניט אויף צו וויינען״ ריטשען זיי. אט אזוי, מיט צעררייצטע נערוון און צעוויינטאגטע הערצער ארבעטן מיר ווייטער. עס איז נישטא קיין מינימאלע האפענונג צו בלייבן לעבן. מיר ווייסן גוט, אז קיין שום ארבעט, גוטע אדער שלעכטע, יא נארמע, ניט נארמע, וועט אונדז ניט ראטעווען. דאך האט זיך געוואלט ארבעטן, כדי צו געווינען צייט. טאמער... טאמער... וועט געשען א נס און מיר וועלן דאך בלייבן לעבן.

עטלעכע וואכן איז געווען רואיק. קיין סעלעקציעס זיינען ניט פאר־געקומען, די נארמעס זיינען געמאכט געווארן, סחורות זיינען דערהאלטן געווארן, און די ארבעט איז געגאנגען נארמאל. מיר האבן עס דערקלערט פארשיידנארטיק.

די אפטימיסטן צווישן אונדז האבן געזאגט, אז מיר זיינען נויטיק און מער וועט מען שוין ניט ארויספירן. די פעסימיסטן דאגעגן האבן געזאגט, אז דאס איז א שטילקייט פאר א שטורעם.

אזוי איז זייער צוגאנג. מן הסתם פארבערייטן זיי שוין עפעס. עס האבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז מ׳וועט אונדז אריבערפירן קיין פאניאטאוו. עס זיינען אהין ארויסגעפארן עלעקטריקער, סטאליערס און מאלערס. צוריק־קומענדיק האבן זיי דערציילט, אז דארט איז זייער שיין און עס ווערן געבויט נייע באראקן. די געגנט איז א וואלדיגע, די לופט איז גוט. אזוי אז מיר האבן ניט וואס צו צווייפלען, עס איז דאך אלץ בעסער ווי זיצן אין די זומערדיקע היצן אין פארמאכטע מויערן.

עס זיינען געווען אזעלכע, וועלכע האבן פון פאריס געמאכט פלענער, ווי אזוי צו אנטלויפן אין די נאענטע וועלדער. אנדערע האבן באמת געמיינט, אז מ׳וועט אונז לאזן לעבן. א טייל אבער האבן ניט געגלויבט די באטריגע־רישע צוזאגן און האבן באשלאסן צו אנטלויפן אויף דער ארישער זייט.

ניט איך און ניט מיינע חברטעס האבן געקאנט טראכטן פון אזעלכע פלענער. ווי קען מען גיין אן געלט און מיט אבסאלוט ניט ארישע אויסזענס, צו די ניט קלענערע פוילישע אנטיסעמיטן. עס האבן געקענט גיין נאר די, וועלכע האבן געהאט נאענטע פוילישע באקאנטע, אדער צו אזעלכע, וועלכע האבן פאר גרויסע געלט־סומעס צוגענומען יידן אויף אויסבאהאלטן.

ריסיע זאנגער האט געהאט אן אמתן ארישן אויסזען. איך האב איר געראטן זי זאל פרואוון אויסזוכן א שטעלע פון א שטוב־מיידל. זי האט אבער מורא געהאט צו ריזיקירן ניט האבנדיק קיין באקאנטע און קיין דאקומענטן. אזוי האבן מיר אלע דריי אפגעלעבט אין גרויס פארצווייפלונג גאנצע 9 חדשים, ד. ה. ביז׳ן מאנאט מערץ.

* * *

גאנץ אומערוואַרטעט האב איך אין די ערשטע טעג פון פעברואר באַ־געגנט מיין אינטימען פריינט יעקב ווייס (וועלכן איך האב פארלארן בעת דער ערשטער אקציע). ער האט אויך פארלארן זיין גאנצע משפחה. זיין שוואגער, דר. קאפשטיין, מיט זיין שוועסטער, און איר 5־יאריקע טעכטערל זיינען געווען מיט א וויזיט ביי א טיפוס־קראנקן. (די דאקטוירים פלעגן, גייענדיק צו קראנקע, מיטנעמען זייערע נאענסטע, כדי ניט זיין צעשיידט). ווען זיי זיינען ארויס פון דעם קראנקן האט מען זיי פארנומען און אוועק־געפירט צום אומשלאג־פלאץ.

ער האָט געאַרבעט אַלס אַן אינטענדענט אויף לעשנאַ 40.

אַ שטומער האַנט־דרוק, אויגן פול מיט טרערן, איז געווען אונדזער באַגריסונג. „כאָטש דו אַליין ביסט מיר איבערגעבליבן״, פליסטערט ער. מיר זיינען אַריין אין אונדזער וואוינונג, וואו עס האָבן געוואַרט אויף מיר מיינע שוועסטער אין נויט. ער האָט גלייך באַמערקט אונדזערע לעבנס־באַדינגונגען.

„זעץ זיך, קובאַ, וועלן מיר צוזאַמען עסן אָוונט־ברויט״. דו וועסט מיר אַנטשולדיקן פאַר אַזאַ אָרימער אויפנאַמע, נאַר...

„אַנטשולדיקט מיר, קינדער, איך וועל אַרויסגיין קויפן סיגאַרעטן״, זאָגט ער צו אונז אין פאַרלעגנהייט, איך קום באַלד צוריק״. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ פּעקל. „נעמט עס צו, ביטע, צום אָוונט־ברויט״.

פון דעמאָלט אָן פלעגט ער צו אונדז שטענדיק אַריינקומען און אונדז העלפן. אַזוי איז געווען ביז מערץ. אין אָנפאַנג חודש האָב איך גאַנץ אומ־דערוואַרטעט (דורך אַ יידישן שוצוועריק) דערהאַלטן אַ בריוו פון מיין ייִנגערער שוועסטער, וועלכע איך האָב פאַרלאָרן בעת דער אַקציע און האָב די גאַנצע צייט ניט געהאַט פון איר קיין שום ידיעות. אין דעם בריוו שרייבט זי, אַז זי געפינט זיך אויף דער אַרישער זייט. מיין פרייד איז געווען אומבאַשרייבלעך.

דער גאַנצער זאַל האָט מיך מקנא געווען מיין גליק. „אסתר׳קע האָט געפונען איר חתן און די שוועסטער״, האָבן זיי געטענה׳ט. דאָס איז קיין קלייניגקייט. אַ דאַנק איר אַרישן אויסזען איז מיין שוועסטער געלונגען אַרי־בערגיין אויף דער צווייטער זייט און דאָרט זיך איינמעלדן אַלס אַ קריסטין. זי האָט די גאַנצע צייט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו וויסן געבן וועגן זיך. צום טויער פון געטאָ האָט זי ניט געקענט צוגיין, ווייל זי האָט מורא געהאַט דערקענט צו ווערן.

אַ גליק אין אַן אומגליק — איז דאָ אַ שפּריכוואָרט. ביי מיר האָט זיך עס אַמבולטסטן באַשטעטיקט. עס איז באמת שווער צו באַשרייבן. אין גרעסטן אומגליק זיינען אויך דאָ קורצע מאָמענטן פון גליק.

מיט דער זעלבער געלעגנהייט האָב איך איר אָוועקגעשיקט אַן ענטפער. אין איר צווייטן בריוו האָט מיר די שוועסטער געשריבן, אַז איך זאָל טאָן אַזוי ווי זי. זי וועט שוין אַלץ איינאָרדנען.

מורא האָבנדיק פאַר אַ מסירה האָבן מיר מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער געשטעלט אַ חופּה.

אַ, גאָט! עס איז ניטאָ קיין ווערטער צו באַשרייבן מיין אָפּשיידן זיך פון מיינע חברטעס. איך האָב געמיינט, אַז מיר וועט געלינגען זיי אַרויס־צופירן.

ליידער ביז איך אַרויס צו שפּעט, ווייל אין געטאָ איז שוין אויסגע־בראָכן דער אויפשטאַנד.

דורך טעבענסעס פּלאַץ זיינען מיר אַרויס אויף דער אַרישער זייט — אויף גזשיבאָווסקי 36 דאָרטן האָט געוואוינט אַ קירזשנער. גלייך ביים טויער האָבן מיר זיך פאַראייניקט מיט די אַרבעטער און זיינען אַריין צו דעם הויז־וועכטער, וועלכער האָט געהאַט אַ קליין געוועלבל. דאָרט האָט מען געקענט באַקומען עטוואָס אַפּצועסן. נאָכן פרישטאָג האָבן מיר אים געבעטן, ער זאָל אונדז דערלויבן איבערוואַרטן ביי אים אַ פּאָר שעה, ווייל מיר ווילן דערנאָך אַוועקגיין צו באַקאַנטע, פאַרלייגנדיק אים גוט צו באַצאָלן. ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן צימערל, און אָנגעזאָגט, אַז אין פאַל ווען עמיצער וועט אַריינקומען זאָלן מיר זיך פאַרשטעקן אין שראַנק.

מיין מאַן האָט גלייך אָנגעקלונגען צו דער שוועסטער, אַז מיר געפינען זיך אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט. נאָכן אַפּוואַרטן עטלעכע שעה איז געקומען מיין שוועסטער. מיר האָבן זיך אַזוי דערפרייט מיט איר, פּונקט ווי זי וואָלט אויפגעשטאַנען תחית המתים. מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן אויף אירן אַ באַקאַנטן פּאָליאַק — סטעפאַן. ער האָט אונדז געדאַרפט אָפּפירן צו זיינעם אַ קאַזין אויף ביעלאַנסקע.

ענדלעך איז געקומען דער פאַן סטעפאַן — אַ מיטלוואוקסיקער מענטש מיט אַ קלוגן און סימפּאַטישן געזיכט. ער האָט זיך מיט אונדז האַרציק באַגריסט און געבעטן, אַז מיר זאָלן זיך ניט דענערווירן, עס וועט אַלץ דורכגיין גוט.

„נאָר מיר מוזן וואַרטן ביז אָוונט, עס איז בעסער צו גיין אין דער פינסטער מיט אַזעלכע פאַרברעכער ווי איר", האָט ער צוגעגעבן.

ענדלעך זעצן מיר זיך אַריין אין אַ טראַמוויי, זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז די אַרעם־בענדלעך נאָר אַלס פּאָליאַקן.

דעם גאַנצן וועג ביז איך געשטאַנען ביים פענסטער, האַלטנדיק קראַמפּ־האַפטיק די האַנט פון סטעפאַן. דער טראַמוויי שטעלט זיך ענדליך אָפּ. מיר גייען צו אַ שטיקל וועג, עס עפנט זיך אַ קליין טירל — אַ טירל צום לעבן.

אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזער בעל־הבית'טע. אַ פרוי אין די פערציקער, אויסערליך גאַנץ ליבנסווירדיג. (איר מאַן און די צוויי טעכטערלעך האָבן געשפּילט אַ קלענערע ראָלע אין אונזער לעבן).

ביי זיי האָבן שוין געוואוינט צוויי יידן: אינזשיניער טראַצקי פון ווילנע מיט זיין פּלעמעניצע, זאָיע.

אונדזער געשפּרעך האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט. מיר האָבן געהאַט איינער דעם צווייטן זייער פיל צו דערציילן, נאָר עס איז געווען גענוג צייט דערצו. מיר האָבן געפילט אַז ניט איין טאָג און ניט איין חודש וועלן מיר

פאַרברענגען צוזאַמען. אונדזער בעל־הבית׳טע האָט זיך אײַפעריק פאַרנומען מיט אירע נײַע שכנים, בעסער געזאָגט מיט איר נײַעם פּרנסה־קוואַל.

זי האָט אונדז צוגעגרייט אַוונט־ברויט — ברויט, פּוטער און קאַווע. דערנאָך האָט זי אונדז אַרײַנגעפירט אין אַ צווייטן צימער וואו עס האָבן געדאַרפט זײַן אונדזערע געלעגערס. דעם דאָזיקן צימער איז כדאי צו באַשרייבן:

נידעריקע, גרויע, ניט געמאָלטע ווענט, צוויי קליינע שמוציקע פענצטער פאַרהאַנגען מיט צעריסענע טישטעכער, דער סופיט באַהאַנגען מיט שפּינוועבס און אין די ווינקלען פיל שמוץ. אין איין ווינקל שטייט אַ קליינע צעבראָכענע אײַזערנע אייעלע מיט אַ בלעכענעם קוימען, וועלכער גייט אַרויס דורך דער וואַנט. אַ קליין טישל, אַ באַנק, צוויי שטולן, דריי שמאָלע האַלב צעבראָכענע אײַזערנע בעטלעך — דאָס איז דאָס מעבל.

איצט וועגן רעזשים — וואָס איז דערלויבט און וואָס איז פאַרבאָטן: מ׳מעג שטיל אָטעמען, זיצן ביים טיש, רעדן זעהר רואיק. מ׳טאָר ניט: אַרומשפּאַצירן איבערן צימער, רעדן הויך, לאַכן, וויינען, אַרײַנגיין אַליין אין דעם צווייטן צימער, ווייל ס׳קען זיך דאָרט גראָדע געפינען אַ פרעמדער מענטש, הוסטן, ניסן, קלאַפּען מיט דעם לעפל ביים עסן, כראָפּן בעת׳ן שלאָף. דאָס אַלץ איז פאַרבאָטן צוליב דעם, ווייל די שכנים ווייסן אַז דער צימער איז ניט קיין באַוואוינטער.

זיכער האָבן מיר מסכים געווען, ווייל דאָס איז דאָך געווען אין אונדזער אינטערעס. פאַר אַלץ האָט יעדער פון אונדז געדאַרפט צאָלן טויזנט פינף הונדערט זלאָטעס אַ מאָנאַט. קאָכן האָבן מיר געדאַרפט אויף דעם קליינעם אייוועלע.

ביים געזעגענען זיך האָט אונדז דער פאַן סטעפאַן צוגעזאָגט צונעמען אין אַ מאָנאַט אַרום צו זיך. דערווייל קען ער עס ניט טאָן, ווייל ביי אים וואוינען שוין דרייצן יידן. פון מיין שוועסטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אונדזער דריטע שוועסטער איז אַנטלאָפן מיט איר פינף יאָריקן זון פון וואַרשע קיין גראָכאָוו און האָט אַבסאָלוט קיין מיטלען צום לעבן. איר מאַן האָבן די דייטשן דערמאָרדעט אין 1939. זי האָט דעמאָלט געאַרבעט אַלס קאַסירערין אין כעלימער געמינע און אַדאַנק דער אַרבעט איז איר געלונגען צו אויסבאַהאַלטן די מוטער און די שוויגער ביז דער אַקציע. דאָס קינד איז שטענדיק געזעסן אונטער איר שרייב־טיש.

אויף אַזאַ אופן איז איר געלונגען צו אַנטלויפן מיטן קינד בעת דער לעצטער ליקווידאַציע אין כעלים אַלס פּאַליאַקן. באַקאַנטע האָבן איר געהאָלפן באַקומען אַרבעט ביים אויסאַרבעטן שטעק־שיך. לאַנג אָבער האָט דאָס גליק ניט געדויערט. עס זײַנען געקומען אין הויז פּוילישע שפּיאָנען און האָבן איר געדראָט אַרויסצוגעבן די דייטשן אויב זי וועט זיי ניט אָפּגעבן איר גאַנץ געלט. נאָר

אדאנק דער איינשטעלונג פון איר פוילישער בעל־הבית׳טע איז איר געלונגען אויסצוקויפן זיך מיט איר לעצטן רינגעלע. פארבלייבן אבער אין דעם הויז אויף ווייטער איז געווען אוממעגלעך. די יינגערע שוועסטער כאנקע האט, דער־ווייסנדיק זיך וועגן דעם, געבעטן דעם פאן סטעפאן ער זאל זי צונעמען צו זיך. נאר האבנדיק אין זיין הויז איין קינד האט ער ניט געקענט צונעמען נאך איינס. ער האט איינגעשטימט צונעמען נאר די שוועסטער און דאס קינד האט מען געבראכט צו אונדז.

אדאס (דאס יינגעלע) האט אויסגעזען אביסל אריש און האט דערפאר געקענט וואוינען אין הויז אפיציעל. די שכנים האט די בעל־הבית׳טע דער־ציילט, אז דאס איז אירער א קרוב — א יתום, וועמענס עלטערן זיינען אומגעקומען.

דריי זומערדיקע חדשים איז ער געווען אויף דער פריי. נאר אין נאוועמבער, ווען עס איז געווארן קעלטער, און ער האט געמוזט אנטאן א מאנטעלע מיט א היטעלע, האט די בעל־הבית׳טע אויסגעפונען, אז ער זעט אויס א ביסל צו יידישלעך, האבן מיר אים געמוזט צונעמען צו אונז אין צימער.

אזוי איז דאס קינד אפגעזעסן פארשפארט מיט אונדז גאנצע 11 מאנאטן — ווינטער, אין ניט א באהייצטן צימער און זומער אין די גרעסטע היצן ביי פארמאכטע פענצטער. איך מוז צוגעבן, אז דאס פארהאלטן זיך פון קינד איז געווען צו באוואונדערן. זיין רעדן שטיל און באוועגן זיך איז געווען געניי ווי פון די דערוואקסענע. ער פלעגט נאר מקנא זיין דער בעל־הבית׳טעס קינדער פארוואס זיי קענען פריי ארומלויפן אין גארטן. „ווען, טאנטע, וועל איך קענען אביסל ארומלויפן אין גערטל?״ איך האב זיך באמיט צו טרייסטן אים און ווי פל איך האב נאר געקענט, נאר מיין הארץ פלעגט צעריסן ווערן אויף שטיקלעך. פארוואס, גאט, שטראפסטו אזא קליין קינד?

מיט דער צייט האבן מיר געמאכט אין אונדזער צימער א באהעלטעניש: מיר האבן אויסגעזעגט אין דער פאדלאגע דריי ברעטער אויף אזא ברייט, אז א מענטש זאל זיך קענען אהין אריינשטופן. דאס זאמד אונטער דער פאדלאגע האבן מיר אפגעווארפן אין א צווייטן ווינקל. אזוי ארום האבן מיר געקענט אין א נויטפאל זיצן אונטער דער פאדלאגע א געוויסע צייט איינער לעבן דעם צווייטן.

אלס א צודעק האט דער בעל־הבית אוועקגעשטעלט א קעסטל מיט שוסטער־געצייג. ווען עס פלעגן זיך אין דער נאכט דערהערן טריט, פלעגן מיר מוזן זיך מאמענטאל ארונטערלאזן אין דער באהעלטעניש און ניט פארגעסן מיטצונעמען אונדזער גארדעראבע עס זאל ניט זיין אויפפאלנד.

צוויילן פלעגט אונדז שוין די בעל־הבית׳טע מיט די שארפסטע זידל־ווערטער. לאנג זיצן דארט איז געווען אוממעגלעך, ווייל צוליב מאנגל פון

פלאַץ, פלעגט מען מוזן איינבייגן דעם קאָפּ זייער נידעריק. עס איז אָבער ניט געווען דער פֿאַל, אַז מיר זאָלן דאָרטן זיצן מער ווי אַ שטונדע.

* * *

פון די קורצע קאָמוניקאַטן אין די צייטונגען האָבן מיר געקענט זען, אַז דער פּראָצענט דערנענטערט זיך. פון דערווייטנס האָבן זיך אָנגעהויבן הערן די דונערן פון דער אַרטילעריע. מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּלענער און פּראָויזאָציעס ווען וועט שוין קומען אונדזער באַפרייאונג. לויט אונדזערע אויסרעכענונגען האָט עס געדאַרפט דויערן ניט מער ווי פינף אָדער זעקס וואָכן.

אויף דעם פּלי־פּלאַץ האָט מען אויפגעריסן די אַנגאַרן, דער פּלאַץ שטייט אין פלאַמען. אין די דערפער איז אַ פּאַרמעלע צערודערונג. מיר מוזן זיין גרייט צו אַנטלויפן, די פראַגע איז נאָר וואוהין? דער איינציק מעגלעכער אָרט איז פּראַגע. און אויב מען וועט אונדז דערקענען און אַרויסגעבן? לויט אונדזערע בלאַסע און צעשראָקענע געזיכטער איז גאַנץ לייכט צו דערקענען ווער מיר זיינען.

אונדזערע נערוון זיינען אויפגעשרויפט ביזן העכסטן גראַד. זיכער איז, אַז פּראַגע וועלן די רוסן פאַרנעמען צוערשט. עס איז דעריבער וויכטיק איבער־צושיקן אַדאַס׳ן צו דער מוטער. ניט האָבנדיק אָבער קיין מינימאַלע זיכערקייט אַז מיר וועלן קענען דורכגיין, האָב איך ניט געקענט נעמען אויף זיך קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם קינד.

אויף מאָרגן האָב איך איבערגעטאָן אַדאַס׳ן אין אַ מיידלשער קליידעלע, און אַזוי איז ער גליקלעכערווייז אַריבערגעגאַנגען צו זיין מוטער. (די שוועס־טער האָט נאָך אים צוגעשיקט אַ באַקאַנטן פּאָליאַק).

שרעקלעך איז געווען יעדע איבערלעבונג אין דער דאָזיקער שווידער־לעכער צייט. עס איז געוואָרן ערגער מיט יעדן טאָג און מיט יעדער שעה. די אומזיכערקייט פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג איז געוואָרן שטאַרקער.

די בעל־הבית׳טע איז געוואָרן נערוועזער און אומברחמנותדיקער צו אונדזערעליידן. זי האָט געוואָלט פאַר יעדן פּרייז פּטור ווערן פון אונדז, און האָט אָנגעהויבן זוכן פאַרשיידענע מיטלען. נאָר קיין קאָנקרעטעס איז פאָרלויפיק ניט געווען.

מיין מיטוואוינערין זאָיאַ טראַצקי איז געווען פאַרצווייפלט נאָך איר מאַן, וועלכן מען האָט צוגענומען פון אַ קאַפע־הויז. ער האָט אויסגעזען מער ווייניקער ווי אַן אַריער און גערעדט אַ שיינעם פּויליש. אויסנוצנדיק אַט די אייגנשאַפטן, פלעגט ער אַפט אויסאַרבעטן אַרישע דאָקומענטן פאַר יידן. אַ דאַנק אים האָבן זיך פיל יידן געראַטעוועט. ער אַליין איז אָבער, ליידער, ניט געראַטעוועט געוואָרן. מען האָט אים פאַרנומען פון אַ קאַפע־הויז, וואו ער האָט אָפּגעוואַרט אַ באַאַמטן, וועלכער האָט אים געדאַרפט ברענגען דאָקו־

מענטן. זיין פרוי האט אַלץ געהאַפּט, אַז מ׳וועט אים אַרויסראַטעווען פאַר געלט, און מיט אַט דער פאַלשער האָפענונג איז זי סוף כל סוף געשטאָרבן.

אַזוי האָבן מיר, פיר אומגליקלעכע מענטשן, געלעבט אין דעם דאַזיקן צימערל. איך פלעג אָפט נאָכפאָלגן מיט מיינע אויגן און מקנא זיין אַ קליין מייזל, וועלכע פלעגט דורכלויפן איבערן צימער און זיך פאַרשטעקן אין איר זיכערער נאָרע. יעדע קלענסטע באַשעפעניש איז געווען מער זיכער מיט איר לעבן ווי מיר. ווי גוט איז געווען דעם הונט, וועלכער פלעגט קומען מיט די דייטשן זוכן יידן. דער טיראַן האָט זיין הונט געוויס מער געזשאַלעוועט ווי אונדז. פאַר אונדז האָט קיינער ניט געהאַט קיין רחמנות, קיינעמ׳ס האַרץ האָט גאָרניט געפילט פאַר אונדז.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע און ביטערע טעג. אַלץ אָפטער און אָפטער פלעגט אונדז אויסקומען זיך אויסבאַהאַלטן אין סכראַן.

די שיסערייען פון די קאַנאָנען פלעגן זיך הערן אַלץ נענטער און נענטער. אין דער ריכטונג פון פּראַגע פלעגט דער הימל נאָכאַנאַנד זיין רויט פון די שרפות.

„וואָס וועט זיין, אַז מען וועט מוזן אַנטלויפן” — זאָגט אונדז איינ־מאָל אונדזער בעל־הבית׳טע — „זאָלט איר געדענקען, אַז דורך דער טיר טאָרט איר ניט לויפן נאָר דורך דער קיך־פענצטער, אַז מען זאָל חלילה ניט באַמערקן. שיין וועל איך אויסזען אויב די שכנים וועלן זיך דערוויסן, אַז איך האָב אויסבאַהאַלטן יידן.”

דאָס וואָרט ייד איז געווען עטוואָס שרעקלעכעס. מען האָט זיך גע־דאַרפט דערפון היטן ווי פון אַן עפּידעמיע.

אַפּאַנירן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן מיר ניט געקענט. עס האָט ניט געקענט זיין קיין רייד וועגן זיין ניט איינשטימיק. קיינער האָט אויף אונדזער ענטפער ניט געוואַרט און דאָס האָט קיינעם ניט אינטערעסירט.

אין אַ געוויסער נאַכט דערהערן זיך פּלוצים טריט אין גאָרטנדל. אונדזער וואַך זאָגט אונדז זאָפאָרט אַז עס גייען דייטשן. מאָמענטאַל לאָזן מיר זיך אַראָפּ מיט אונדזער ביסל זאַכן אין סכראַן. אונדזער בעל־הבית האָט פון גרויס צעטומלעניש פאַרגעסן אַרויפלייגן די צודעק און האָט אָוועקגעשטעלט די קאַרב מיט די אַלטע שיך אויף דער אָפענער לאָד.

עס קומען אַריין צוויי דייטשן, דאָס זוכן זיי געווער. אין אונדזער צימער גייען זיי אויך אַריין, עס געשעען ניסים און אויך דאָס מאָל איז מיט אונדז געשען אַן אמתער נס. איין דייטש איז צוגעגאַנגען צו דער ערשטער קאַרב און זי איבערגעקערט. די בעל־הבית׳טע, באַמערקנדיק די צודעק אין דער זייט איז גלייך צוגעלאָפן צו דער צווייטער קאַרב און אַליין אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן די אַלטע שיך. עס איז שווער צו באַשרייבן וואָס מיר האָבן

געפילט, ליגנדיק אונטער דער פּאַדלאָגע. עס איז ניט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט דער דייטש ניט געהערט דאָס קלאַפּן פון אונדזערע הערצער.

אַזוי זיינען מיר גליקלעכערווייז ווייטער געבליבן לעבן.

* * *

דער פּוילישער אויפשטאַנד איז אין פולן ברען. גאַנץ וואַרשע איז אין פלאַמען. וואו נאָר דאָס אויג קאָן זען, זעט מען קנוילן רויך און צונגען פייער. מיר האָבן גערעכנט, אַז אָט־אָט קומט שוין אונדזער דערלייזונג. עס האָט זיך אונדז געדוכט, אַז דאָס ערגסטע איז שוין פאַרביי. קיינער פון אונדז האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אונדזערע גרעסטע ליידן הויבן זיך ערשט אָן.

זעקס אין דער פרי מעלדעט אַ דייטשער סאָלדאַט, אַז די ציוויל־באַפעל־קערונג מוז אין פאַרלויף פון איין שעה פאַרלאָזן די שטאָט.

קיין צייט צו באַטראַכטן די לאַגע איז ניטאָ.

ניט האָבנדיק קיין פּאַסיקן אָרט צו באַהאַלטן זיך, און קיין לעבנס־מיטל, באַשליסן מיר אַוועקצוגיין פון שטאָט.

אונדזער בעל־הבית׳טע כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ, דערהערנדיק אונדזער פּראָפּאָזיציע. „דאָס פאַרנעמען וואַרשע וועט העכסטוואַרשיינלעך דויערן ניט מער ווי דריי טעג. און אויף דריי טעג האָט איר גענוג סוכאַרעס, פּאָמידאָרן מיט וואַסער, מיר וועלן זיך באַמיען זיין נאָענט פון דאַנען און וועלן געוויס קומען אייך זען״.

קיין צייט צו אויפקלערן די לאַגע איז ניטאָ.

אָט זיינען מיר שוין אין דער לאַד. די צודעק ליגט שוין אויף אונדז. די קאַרב אויבן, און שטיל ווי אין אַ קבר. אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער הערן זיך ווידער אַמאָל טריט פון באַשטיוולטע פיס, מ׳זוכט און מען נישטערט. די טישן און שטולן ווערן אומגעוואָרפן. עס לאָזן זיך הערן אָפּגעריסענע קולות און ווידער שטיל. נאָך אַ קורצער הפסקה דערהערן זיך ווידער טריט. מ׳גייט אַרום איבער אונדזערע קעפּ.

אין די ווייטערדיקע פּאָר טעג האָט מען דורך אונדזערע פענצטער אַרויסגעוואָרפן די מעבל. מיר זיצן מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס און פילן ווי אונדזערע הערצער קלאַפּן אַזוי ווי זיי וואָלטן אונדז געלאָזט פילן אַז מיר לעבן נאָך.

ענדלעך ווערט פולשטענדיק שטיל. איך גלייך אויס אַ ביסל דעם קערפּער, נעם פאַנאַנדער די פאַרגליווערטע פינגער, און די אַנגעזאַמלטע צווישן די ברעמען טרערן, הויבן אָן לאַנגזאַם צו פליסן איבער די איינגעדאַרטע באַקן. דאָס פלעגט זיך איבערחזרן יעדן פרימאָרגן.

* * *

אַ גאַנצן טאָג פלעגן מיר גאָרניט עסן. אין אָוונט פלעגט יעדערער פון אונדז אויפעסן אַ סוכאַר, איין פּאָמידאָר און פאַרטרינקען אַ ביסל וואַסער.

דערמיט פלעגט מען איינשלאָפן מיט אַן אומרואיקן שלאָף. איינער פון אונדז פלעגט שטענדיק וואַכן. גאַנץ אָפט פלעגן זיך ביינאַכט דערהערן טריט. מיט אַ לייכטן ריר וועקן מיר זיך אויף און וואַרטן מיט שפּאַנונג ביז עס ווערט ווידער שטיל. מיט די איבערגעבליבענע שפּייז, וועלכע איז געווען אויסגע־רעכנט אויף דריי טעג, האָבן מיר זיך דערנערט נײַן טעג.

און דער קריג פאַרציט זיך אַלץ לענגער און לענגער.

אויף אַזאַ אופן, אויב ניט פון דער מערדערישער דייטשער האַנט, וואַרט אויף אונדז אַ הונגער־טויט.

וואָס טוט מען ווייטער?

מיר באַשליסן אַרויסצוקריכן בײַנאַכט אין גערטל צו אַניסזוכן אַביסל גרינס. צוערשט האָט מען געדאַרפט געפינען אַ מיטל ווי אַזוי אַרויפציען צוריק די קאַרב. אַמבעסטן האָט זיך פאַרהאַלטן מיין מאַן. ער פלעגט ניט פאַרלירן די האָפענונג און פלעגט אונדז נאָכאַנאַנד טרייסטן.

„איך דאַרף אַ שנור און איך וועל עס מאַכן", זאָגט ער צו מיר. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין מיין שלאָפראָק איז דאָ אַ זיידענער שנירל. גוט, די פראַגע איז געלייזט.

ענדליך ווערט נאַכט. מיין קובאַ רוקט אָפּ די ברעטער און שטעקט אַרויס דעם קאָפּ. אַ קאַלטער לופט־שטראָם פליסט אַריין דורך די אויסגע־שלאָגענע שויבן אין אונדזער לאָך און פרישט אונדז אַ ביסל אָפּ. מיין מאַן און זאָיע קריכן אַרויס. זיי געפינען אַ קליין קעסטל, גייען אַרויס דורכן פענצטער אין גערטל. זאָיע קלייבט צונויף אַ קעסטעלע מערן און בורעקעס, קובאַ ברענגט עס צום סכראָן, עליאַש שיט אויס און איך לייג עס צונויף.

מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט ציט קובאַ אַריין זאָיען דורכן פענ־צטער. איצט מוז מען צורעכט מאַכן דעם צודעק. קובאַ ציט דורך די שטריק דורך דער קאַרב, לאָזט זיך אַראָפּ אין גרוב, און נאָכן פאַרמאַכן די דעק ציט ער צו מיט דער שטריק די קאַרב און דער סכראָן איז באַשיצט.

אַזוי אַרום האָבן מיר שוין ווידער עסן אויף עטלעכע טעג. וועגן וואַסער איז ניטאָ אַפילו וואָס צו חלומען, ווייל דער ברונעם איז צו ווייט.

פון דערווייטנס הערט זיך אַ בילעריי פון הינט. ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיך דאָרטן געפונען דייטשן.

עטלעכע וואָכן האָבן מיר פאַרגעזעצט אונדזערע עקספּעדיציעס אין גערטל ביז עס איז דאָרטן ניט געווען וואָס צו געפינען.

זאיע און קובאַ האָבן געפּרואוווט זוכן אין אַ דערבייאיקן גערטל, נאָר זיי האָבן זיך צוריקגעקערט מיט גאָרניט.

אונדזערע פיזישע באַדערפעניש פלעגן מיר דערליידיקן ליגנדיק אויף דער ערד און פאַרגראָבן עס אין דער ערד. איך באַמערק דערביי, אַז דאָס פלעגט נויטיק זיין איינמאָל אין צוויי וואָכן.

אין אָנפאַנג נאָוועמבער האָבן מיר שוין גאָרנישט געהאַט צום עסן. מיר האָבן באַשלאָסן צו זוכן אין אַ שכנה׳שע הויז.

קובאַ טוט, ווי שטענדיק, אַ הויב די דעק און קריכט אַרויס דער ערשטער, נאָך אים קריכט עליאָש און דערנאָך גייט זאיע.

פּלוצים הערן מיר זאיעס קול: עס איז פינצטער, איך וועל ניט גיין.

מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, אַז מיט איר קומט עפּעס פאָר. נאָר רעדן ביי דער אָפענער גרוב האָבן מיר מורא געהאַט.

איך האָב זי געבעטן זי זאָל מיך דורכלאָזן און איך וועל גיין, נאָר זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און געשוויגן. עס האָבן ניט געהאָלפן עליאָש׳ס דראָאונגען און תחנונים אַז מיר קענען, צוליב איר, אַלע אומקומען. זי איז געזעסן פונקט ווי אַ טויטע. וואָס זאָל מען טאָן? מען מוז דאָך זען קריגן עטוואָס צום עסן, ווייל מיר האָבן אַבסאָלוט גאָרניט. מיט גרויס מי האָב איך זיך דורכגעדריקט פאַרביי זאיען, קריכנדיק איבער איר קערפּער, און בין אַרויס.

מיינע פיס בויגן זיך און איך וואַקל זיך. קובאַ און עליאָש האַלטן מיך אונטער די הענט, איך זאָל ניט אומפאַלן. זיי אַליין האַלטן זיך אויך קוים אויף די פיס. גאַנץ לאַנגזאַם דערנענטערן מיר זיך צום פענצטער.

מיט די לעצטע כוחות קריכן מיר דורך דורכן פענצטער און האַלטנדיק זיך ביי די הענט גייען מיר צו לאַנגזאַם מיט וואַקלדיקע טריט צום גערטל.

עס איז נאָוועמבער. די געלע בלעטער האָבן מיט אַ דיקן שיכט צוגעדעקט די ערד. מיר שפּרייטן זיך אויס און טאַפּן מיט די הענט יעדן בייט. ענדלעך טאַפּ איך אָן אַ קליין מערעלע. איך רוף צו קובאַן און ווייז אים מיין געפינס.

נאָך אַ פּאָר שעה אָנגעשטרענגטער אַרבעט איז אונדז געלונגען אויסצוגראָבן פון דער פאַרפרוירענער ערד אַ ביסל בערעלעך. קובאַ נעמט אין איין האַנט דאָס קעסטעלע מערעלעך און מיט דער צווייטער האַלט ער מיך און אַזוי דערשלעפּן מיר זיך לאַנגזאַם צו אונדזער סכראָן.

דערווייל איז עליאָשן געלונגען אָפּרוקן זאיען פון דורכגאַנג און מיר האָבן זיך ווי עס איז אַראָפּגעלאָזן אין גרוב.

זאיעס צושטאַנד איז געוואָרן ערגער פון מינוט צו מינוט. זי האָט אָנגעהויבן רעדן ניט צו דער זאַך. מיר זיינען געוואָרן זייער פאַרצווייפלט. ווי אַזוי און

מיט וואָס קען מען זי ראַטעווען? איך האָב אַנגעריבן אַ ביסל מערעלעך און האָב זי געקאַרמעט ווי אַ קליין קינד, ווייל איינהאַלטן דאָס טעפּעלע אין אירע הענט האָט זי ניט געקאָנט. דאָס האָט, מ׳שטיינס געזאָגט, געדאַרפט זיין איר רפואה.

ביינאַכט האָט זי שרעקלעך געקרעכצט, איך האָב איר געלייגט צום קאָפּ קאַלטע קאָמפּרעסן, נאָר עס האָט גאָרניט געהאָלפן.

פאַרטאָג האָב איך דערפילט אויף מיין פוס ווי איר האַנט האָט צום לעצטן מאָל אַ ציטער געטאָן. איך וויל זי צודעקן, נעם אָן איר האַנט, ערשט זי איז קאַלט.

קובאַ! זע וואָס טוט זיך מיט איר, קרעכץ איך אויס. עליאַש לייגט אַוועק די האַנט אויף איר האַרצן, טוט אַ שווערן זיפץ און זאָגט „אונדזער זאַיע וועט שוין מער ניט קרעכצן, זי האָט שוין פאַרענדיקט איר לעבן.״

אָ! ווי שוידערלעך און שרעקלעך.

מיט ליידיקע הענט האָבן קובאַ און טראַצקי אַ גאַנצע נאַכט געגראָבן פאַר זאַיע׳ן אַ קבר דאָרטן וואו זי איז געלעגן. קיין אַנדער פּלאַץ איז ניט געווען.

ווען מען וואָלט אַפילו געקאָנט אויסגראָבן אַ קבר אויפן גאַס, וואָלט אוממעגלעך געווען אַרויסנעמען זי פון סכראָן.

איך האָב זיך אָפּגערוקט נענטער צום אַרויסגאַנג, כדי זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט אַראָפּלאָזן זי אין קבר.

אַריינלייגנדיק זי אין קבר האָט איר פעטער טראַצקי איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט דערציילן דער וועלט ווי אַזוי עס איז אומגעקומען די קאָנצערט־פּיאַניסטין זאַיע טראַצקי פון ווילנע. פּאַסירט האָט עס פרייטאָג צונאַכטס.

גאַנצע 4 וואָכן האָט ער נאָך איר געזאָגט קדיש.ליידער איז אים ניט באַשערט געווען צו דערפילן זיין הבטחה.

* * *

אונדזער טראַגעדיע האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. אַ וואָך נאָך זאַיע׳ס טויט האָבן אונדז צופעליק אַנטדעקט צוויי פּאָליאַקן. זיי האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן און זיי פּלעגן ווי אַלע אַנדערע אַרומנישטערן אין די פאַרלאָזענע הייזער. גראָדע איז זיי איינגעפאַלן אין קאָפּ אָפּצורוקן די קאַרב.

„זע נאָר דאָ איז אַ קעלער״, האָבן מיר פּלוצים דערהערט פּוילישע שטימען און מיר פילן ווי זיי באַמיען זיך אויפהויבן די דעק.

איך האָב זיי אָנגעפאַנגען, דורך דער פאַרמאַכטער טיר, בעטן רחמים, אַז דאָ איז ניטאָ קיין זאַכן נאָר לעבעדיקע אומגליקלעכע מענטשן. איר זייט דאָך געקומען נאָך זאַכן און ניט נאָך מענטשלעכע לעבנס.

מיר זיינען פּאַליאַקן, זאָג איך זיי ווייטער און צוליב אונדזער קראַנקער שוועסטער האָבן מיר ניט געקענט פאַרלאָזן וואַרשע צוזאַמען מיט אַלעמען, ווייל די דייטשן וואָלטן זי, אַלס קראַנקע געוויס אומגעבראַכט.

מיין געבעט האָט אויף זיי געווירקט און זיי האָבן געשוואָרן ביי גאָט אַז זיי וועלן אונדז ניט אַרויסגעבן. אַזוי איז טאַקע געשען.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיינען זיי ווידער געקומען. מיר האָבן גע־עפנט די דעק גלויבנדיק אַז מיר זיינען שוין געראַטעוועט. קובאַ האָט זיי געגעבן זיין זייגער און געבעטן זיי זאָלן ברענגען עטוואָס צום עסן. אין אוונט האָבן זיי געבראַכט אַ שטיקל ברויט מיט קאַווע. אונדזער גליק און פרייד איז געווען אומבאַשרייבלעך. צומאָרגנס האָבן זיי ווידער געבראַכט וואַרעמע זופּ, ברויט, און אַ ביסל מאַרמעלאַד. לאַנג אָבער האָט דאָס ניט געדויערט.

אין דריי טעג אַרום זיינען זיי געקומען און געזאָגט, אַז קומען אַלע טאָג קענען זיי ניט, אויב מען וועט זיי געבן עפּעס אַ ווערט־זאַך, וועלן זיי קענען ברענגען אַביסל מער עסנוואַרג. מיר האָבן זיי געגעבן אַ גאָלדענע שפּילקע און אַ וואַטערמאַן פּענע, זיי האָבן עס צוגענומען און זיך מער ניט באַוויזן.

ווידער האָבן מיר גאַרניט צום עסן. מיט די לעצטע כוחות האָבן מיר זיך צוגעשלעפּט אין קעלער נאָך דעם לעצט ביסל קאַרטאָפל. איך בין געשטאַ־נען אויף דער וואַך ביים פענצטער, טראַצקי האָט אין קעלער אַנגעלייגט די קאַרטאָפל אין קעסטעלע און קובאַ, דער שטאַרקער פון אונדז, האָט עס איבערגעטראָגן אין סכראָן. טראָגנדיק דאָס צווייטע קעסטעלע איז קובאַ פון שוואַכקייט געפאַלן און צעשאָטן די קאַרטאָפל. מיט פיל מי און אָנשטרענגונג האָבן מיר צונויפגעקליבן די קאַרטאָפל. ווען מיר האָבן זיך ענדלעך צוגעשאַרט צום סכראָן, האָב איך זיך צעוויינט און געזאָגט: לאָמיר שוין סוף כל סוף פאַרענדיקן. איך האָב שוין מער קיין כוחות צו קעמפן פאַר דעם דאָזיקן לעבן. קובאַ האָט מיך צערטלעך צוגעדריקט צו זיך און אָנגעהויבן באַרויקן: „דו וועסט זען, אַז לאַנג וועט עס שוין ניט דויערן און מיר וועלן אויסהאַלטן". ער איז אַרויסגעקראָכן און געבראַכט דאָס דריטע און לעצטע קעסטעלע קאַר־טאָפל. מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז אויב יעדערער פון אונדז וועט אויפעסן צו דריי קאַרטאָפל אַ טאָג קענען מיר דערמיט אויסהאַלטן צען־צוועלף טעג. אַם ענדע האָבן די מענער באַשלאָסן צו עסן בלויז די שאָלעכץ, איבערלאָזנדיק די קאַרטאָפל פאַר מיר.

מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז לאַנג וועלן מיר שוין ניט אויסהאַלטן, און האָבן באַשלאָסן אַרויסגיין, ווייל האַנדלען אַנדערש איז געווען אוממעגלעך. מיר האָבן געוואַרט ביז מיר וועלן דערהערן פּוילישע שטימען און וועלן רופן צו הילף. ליידער האָבן מיר געהערט בלויז דייטשע שטימען און טריט פון דייטשע שטיוול. וואָס טוט מען? ווי געפינט מען אַן אויסוועג?

אזוי ווי פריער זאיע פלעגט וועלן ליגן נאָר לעבן אונדז, אַזוי האָט איצט עליאַש אַנגעהויבן בעטן מיר זאָלן אים לאָזן ליגן צוזאַמען מיט אונדז. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו אונדז, קובאַ האָט אים צוגעדעקט די פיס מיט אונדזער איינציקן פוטער.

איצט פילט איר זיך בעסער, יאַניע? (דאָס איז געווען זיין אַרישער נאָמען). און ער ענטפערט מיר: „עלינקע טייערע, איך האָב זייער מורא פאַר דעם טויט". מער האָט ער שוין אין זיין לעבן גאָרניט געזאָגט.

ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיט זיין אייביקן שלאָף.

„מיר וועלן זיך קיינמאָל ניט שיידן, איך זייט מיר טייערער און נענטער פון מיינע נאָענסטע ברידער און שוועסטער", פלעגט ער שטענדיק טענה'ן.

נאָר ליידער זיינען ניט מקוים געוואָרן זיינע פּלענער.

עס קען זיין, אַז זיין תפילה צו גאָט איז געווען שטאַרקער פאַר אונדזערער. נאָך אים איז אין דעם זעלבן וועג אַוועק מיין טייערער קובאַ.

מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגיין, ווייל באַגראָבן דעם קערפּער האָבן מיר ניט געקענט און ליגן צוזאַמען מיט אַ טויטן קערפּער איז דאָך געווען אוממעגלעך. קובאַ האָט זיך אָנגעהויבן בעטן, אַז ער וויל זיך אַביסל דורכ־שלאָפן. „שלאָף און איך וועל וואַכן", ענטפער איך אים.

ליידער האָט גאָט דערפילט די לעצטע בקשה פון עליאַש טראַצקי: „מיט דיר צוזאַמען, מיט דיר צוזאַמען".

מיין קובאַ איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט ווי איך רייס די דעק און רוף נאָך הילף.

פּלוצים האָב איך דערהערט טריט, עס איז מיר שוין געווען אַלץ איינס, צי דאָס איז פּוילישע, צי דייטשע.

אַ דייטשער סאָלדאָט האָט געעפנט די דעק און אַריינגעקוקט אין דעם אָפענעם קבר. קובאַ איז שוין ליידער געלעגן אין אַ גוססן צושטאַנד.

אים איז, ווייזט אויס, באַפאַלן אַ רחמנות זעענדיק אונדזער שוידערלעכן צושטאַנד און ער האָט געזאָגט, אַז ער גייט נאָך אַ דאָקטאָר.

שנעל האָב איך גענומען אַ ביסל שניי, וואָס איז געווען אַנגעשאָטן דורך די צעבראָכענע פענצטער און האָב עס צוגעלייגט אים אין אַ טיכעלע צום קאָפּ און צום האַרצן. זיין קאָפּ האָב איך געהאַלטן אויף מיינע קני. איך האָב געקושט דאָס האַלב טויטע געזיכט און זיינע שוין געגעצלעד טויטע הענט.

אָ! מיין גאָט! ווי האָב איך עס געקענט אויסהאַלטן און איבערלעבן.

ווען איך דערמאָן זיך עס איצט ציטער איך אינגאַנצן אויף און אַ שטראָם פון טרערן הויבן אָן פליסן פון מיינע אויגן.

דאס הארץ פלאצט מיר פון רחמנות.

איך בעט זיך ביי אים ער זאל זיך האלטן מיט די לעצטע כוחות, עס וועט באלד קומען א דאקטאר און מאכן אן איינשפריצונג. ער אבער ליגט און קוקט אויף מיר מיט א גלייכגילטיקן אומפארשטענדלעכן בליק.

ענדלעך פארמאכט ער די אויגן און האט זיי שוין מער ניט געעפנט.

איך שריי און רוף נאך הילף. גאט! נעם ביי מיר ניט צו אט דעם איינציקן פריינט מיינעם. לאז מיך אליין ניט איבער אויפן שייד־וועג.

אומזיסט אבער זיינען געווען מיינע קולות און מיינע תחנונים.

לאנגזאם ווערט טונקל.

פארזיכטיק לייג איך אוועק דעם, אזוי טייערן פאר מיר, טויטן קאפ אויפן קישעלע. נאכאמאל נעם איך ארום דעם טויטן קערפער און מיט הייסע קושן און הייסע טרערן האב איך זיך אויף אייביק אפגעזעגנט מיט מיין טייערסטן.

ווער איז אומשטאנד צו באשרייבן די דאזיקע טראגעדיע?

די פען פון דעם גרעסטן דיכטער וואלט ניט באוויזן צו באשרייבן מיינע איבערלעבונגען אין יענע שעהן.

אין קאלטן און פינצטערן צימער זיץ איך א האלב טויטע און קוק שטאר אויף מיין אומגליק, ניט האבנדיק קיין כוח א ריר צו טאן זיך פון ארט און ניט ווילנדיק וואס צו טאן מיט זיך.

דער צימער איז איבערפולט מיט פעדערן פון די צעריסענע קישנס. איך האב זיך דערשלעפט צו א בענקל און האב זיך אנידערגעזעצט אן איינ־געהויקערטע.

א, קובא! א, קובא! אלע מיינע חלומות, האפנונגען, פריידן און ליידן זיינען אוועק מיטן רויך. עס איז זיך פאנאנדערגעפאלן די געביידע און עס איז איבערגעבליבן א שאטן. אט דאס בין איך איצט.

עס קען זיין, אז איך בין דאס די שולדיקע, וואס מיר זיינען צו דער צייט ניט ארויס פון דעם לאנד, האט מיך געפייניקט מיין געוויסן.

נאר וואס וואלט געווען דער צוועק, מען וואלט אונדז אלעמען גלייך געהרגעט. אייגנטלעך וואלטן דעמאלט מקוים געווארן אונדזערע שטענדיקע טענות, אז מיר וועלן זיך קיינמאל ניט צעשיידן.

איצט אבער זיץ איך איינע אליין א הונגעריקע, א דערפרורירענע, און ווארט. איך ווייס אליין ניט אויף וועמען און אויף וואס?

איך האב קיינע פארלאנגען און וויל גארניט. איך קען פאר קיין פאל ניט שלום מאכן מיט דעם געדאנק, אז קובא לעבט שוין אויך ניט. אז ער

איז אַוועק פֿון מיר אויף אייביק. איך וויין יאָמערלעך און פֿיל ווי מיין האַרץ קלאַפּט פּונקט ווי אַ זייגער.

איך האָב געפֿילט, אַז מיין סוף דערנענטערט זיך און האָב דערביי געטראַכט אפשר וואָלט געווען אַמבעסטן, איך זאָל זיך אָוועקלייגן לעבן זיי און איינשלאָפֿן, צוזאַמען מיט זיי, אויף אייביק.

איך האָב געפּרואווט אויפֿשטיין, נאָר האָב זיך ניט געקענט רירן פֿון אָרט. אַזוי בין איך אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט.

ווען עס האָט זיך פֿאַרנומען אויף טאָג, האָב איך זיך מיט גרויס אָנ־שטרענגונג אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, געמאַכט אַ פּאָר טריט און געפֿאַלן.

אויסגעזען האָב איך ווי אַ טויטער קערפּער, וואָס מען לייגט אַריין אין קבֿר.

אין אַ ווײַלע שפּעטער האָב איך באַמערקט דורכן פֿענצטער אַ פֿרוי מיט אַ דייטש. איך האָב זיי אָנגעהויבן רופֿן. אין קורצע ווערטער האָב איך איבערגעגעבן דער פֿרוי, וועלכע איז אַריין די ערשטע, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט.

זי האָט מיך אויסגעהערט, געוואָרפֿן אַ בליק אין סכּראָן און אירע אויגן זיינען פֿול געוואָרן מיט טרערן.

זי האָט מיך צוגענומען צו זיך (איר וואוינונג איז געווען נאָענט). זי האָט מיך כּמעט געטראָגן, ווייל אַליין האָב איך ניט געקאָנט גיין.
איך האָב מיך געפֿילט גליקלעך, ווען איך האָב געעפֿנט די טיר אין אַ וואַרעמען צימער.

אין הויז איז געזעסן אַן אַלטע פֿרוי, און דערקענענדיק מיך אַז איך בין אַ יידישע האָט זי מיר געהייסן זאָפֿאָרט אַרויסגיין. די יונגע אָבער האָט מיך פֿאַרהאַלטן, געגעבן אַ גלאָז קאַווע מיט ברויט.

דאָך האָט זי זיך געלאָזט איבערצייגן פֿון דער אַלטער. איך האָב געמוזט שנעל אויסטרינקען די קאַווע און פֿאַרלאָזן דעם צימער.

זי האָט מיך אָפּגעפֿירט צוריק אַהין פֿון וואַנען זי האָט מיך גענומען, צוזאָגנדיק אַז זי וועט עפּעס טאָן פֿאַר מיר.

און אָט זיץ איך שוין ווידער אויף דער זעלבער באַנק לעבן מיינע טויטע פֿריינט, אויסגעווייקט אין טרערן און קוקנדיק פֿאַרגליווערט אויף מיין אומגליק.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריינגעקומען אַ דייטשער אָפֿיצער. ער האָט געגעבן אַ שאַרפֿן בליק אויף מיר און פֿאַרלאַנגט אַ דאָקומענט.

פֿון יענער מינוט אַן האָב איך באַשלאָסן צו זאָגן ליגן.

איך האָב ניט געוואָלט אויסזאָגן, אַז איך פֿאַרשטיי דייטש און האָב אים אַנגעוויזן אויף דעם סכראַן. ער קוקט אַריין אין גרוב און בעט ווידער אַ דאָקו־מענט. איך האָב זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזן אין סכראַן און האָב אים דערלאַנגט זאָיע׳ס אַרישן דאָקומענט. ער האָט אַ לענגערע צייט באַטראַכט די פֿאָטאָגראַפֿיע אויף דעם דאָקומענט און מיך, דאַן האָט ער אַריינגעשטעקט דעם דאָקומענט אין טאַש און געהייסן מיך וואַרטן.

אין אַ ווײַלע שפּעטער זײַנען אַרײַנגעקומען זעקס יונגע דײַטשן. איינער פֿון זיי אַן אמת׳ער סאַדיסט, האָט מיך געדראָט מיט אַ שטעקן, איך זאָל זיך מודה זײַן, אַז איך בין אַ ײִדישקע. ער האָט געקלאַפּט מיט זײַן ביקס אין די טויטע קערפּערס צו איבערצײַיגן זיך, אַז זיי זײַנען שוין ווירקלעך טויט.

וויצלענדיק זיך און מאַכנדיק חוזק פֿון מײַן אומגליק האָבן זיי פֿאַרלאָזן דעם צימער.

אַרויסגייענדיק אין דרויסן האָבן זיי אַרײַנגעשאָסן אין הויז, נאָר זיי האָבן מיך ניט געטראָפֿן, ווײַל איך האָב זיך אַנגעשפּאַרט אַן וואַנט און די קויל האָט געטראָפֿן אַן אַ זײַט.

פֿאַרנאַכט זײַנען געקומען צוויי יונגע דײַטשן, אַן אַפּיצער און אַ פּוילישע פֿרוי. זיי האָבן מיט אַן עלעקטריש לעמפּל באַטראַכט דעם סכראַן און נאָכער מיך. די פֿרוי האָט עס געדאַרפֿט פֿעסטשטעלן צי בין איך אַ ײִדישקע אָדער ניט.

„און וואָו האָט איר גענומען וואַסער, געפֿינענדיק זיך אין סכראַן?״ גיט זי מיך מיטאַמאָל אַ פֿרעג. „צי האָט איר געזען וואַסער אין סכראַן?״, ענטפֿער איך איר. אויף דעם זאָגט זי „פֿאַר שווערע געלט האָט מען זיי צוגעשטעלט וואַסער. זי איז נאַטירלעך אַ ײִדישקע, פּראָבירט ניט צו פֿאַרדרייען דעם קאָפּ. עס וועט זיך אײַך סײַווי ניט אײַנגעבן, זײַט זיך בעסער מודה ווער איר זײַט״.

דער דײַטש לייגט מיר צו דעם רעוואָלווער צום שטערן און זאָגט: „צום לעצטן מאָל פֿרעג איך אײַך. זאָגט דעם אמת ווײַל איך שיס״.

איך בין געווען אַזוי גלײַכגילטיק צו אַזאַ אורטייל, אַז איך האָב אַפֿילו ניט געגעבן קיין ציטער. דאָס איז דאָך ניט געווען פֿאַר מיר קיין איבעראַשונג. איך האָב גוט געוואוסט, אַז מען וועט מיך דערהרגענען, איז שוין בעסער גלײַך דאָ לעבן זיי. צו וואָס זײַנען די פּײַניקונגען מיט די אויספֿאָרשונגען. איך האָב געענטפֿערט אויף פּויליש: „אַזוי ווי איר וועט טאָן, אַזוי וועט מן הסתם זײַן גוט״. די פֿרוי האָט אים איבערגעזעצט מײַן ענטפֿער. ער האָט שנעל באַהאַלטן דעם רעוואָלווער און האָט באַפֿוילן די צוויי סאָלדאַטן זיי זאָלן מיך אָפּפֿירן אין קאָמענדאַנטור.

עס איז געווען שטאַרק קאַלט, די פֿרוי מיט דעם אָפּיצער זײַנען אַוועק פֿאָרויס און הינטער זיי האָבן מיך געפֿירט די צוויי באַנדיטן.

ווי מיר זײַנען נאָר אַרויס אין דרויסן, זאָגט איינער: „צו וואָס דאַרפֿן מיר זי פֿירן? איך וועל זי דערהרגענען, אַרײַנוואַרפֿן אין ברונעם און צונעמען

דעם פוטער (איך בין געווען אַנגעטאָן אין מיין מאַנ׳ס פוטער, ווייל מיינער איז געלעגן אונטער די טויטע קערפּערס) ענטפערט אים דער צווייטער: „ווי באַלד אַז מען האָט שוין וועגן איר געמאָלדן טאָרן מיר דאָס ניט טאָן״.

עס איז געווען אַ היבש שטיקל וועג. טראָץ מיין אָנשטרענגונג האָב איך זיי ניט געקענט אָניאָגן. יעדע פּאָר טריט פלעג איך בלייבן שטיין און זיך אָראָפּלאָזן צו דער ערד. זעענדיק אַז איך פאַל אַנידער, האָבן זיי מיך אָנגענומען פאַר די אָרבל פון פוטער און גענומען טרייבן. אויף אַזאַ אופן האָב איך געמוזט מיט מיינע געשוואָלענע פיס, לויפן ווי זיי האָבן געוואָלט, באַגיסענדיק דעם גאַנצן וועג מיט הייסע טרערן. ווי עס ווייזט אויס, איז מיר אָנגעחתמעט גע־וואָרן צו בלייבן לעבן, אַז גאָט האָט מיך געגעבן איבערמענטשליכע כוחות אויס־צוהאַלטן דעם דאָזיקן מאַרטירער וועג. ענדליך זיינען מיר געקומען אין קאָ־מענדאַנטור. מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער און געגעבן ברויט, קאַווע מיט פוטער.

איך האָב אויסגעטרינקען בלויז די קאַווע, ווייל דאָס ברויט האָב איך ניט געקענט אַראָפּשלינגען.

יעדע ווייַלע פלעגן אַריינקומען סאָלדאַטן. זיי האָבן געוואָלט אָנקוקן דעם אינדיווידום, וועלכער איז געלעגן דריי חדשים אין דער ערד אָן ליכט, אָן עסן, ניט געוואַשן און ניט געקאַמט. און אָט דער נפש האָט עס געקענט אויסהאַלטן. עס האָט זיך צוגעזעצט צו מיר אַ פּאָליאַק אין אַ דייטשן מונדיר און האָט מיר גענומען אויספרעגן ווי אַזוי איז דאָס אַלץ פּאַרגעקומען.

איך האָב באַשלאָסן פאַרזעצן מיין ליגן, און האָב געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק מיט מיינע רייד. ווען די פּאָליאַקן האָבן געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט, האָב איך אים דערציילט, איז מיין שוועסטער זאָיע געווען קראַנק, האָבן מיר דערפאַר ניט געקענט אַוועקגיין און זיינען געווען געצוואונגען צו אויסבאַ־האַלטן זיך צוזאַמען מיט איר מאַן עליאַש טראַטסקי.

איך האָב זיך איבערצייגט, אַז נאָך אַלעם באַזיצט ער נאָך אַביסל מענטש־ליכע געפילן. איך האָב אים אָנגעהויבן בעטן ער זאָל ווירקן מען זאָל מיך דאָ דערשיסן און ניט מאַטערן מיט די פאַרהערן.

ער אָבער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז קיינער וועט מיך איצט ניט הרגענען (זיי זיינען וואַרשיינליך געווען זיכער, אַז איך וועל ממילא שטאַרבן און עס איז דעריבער אַ שאָד די קויל).

ער האָט מיר גע׳עצהט, אַז אויב מען וועט מיך פרעגן פאַרוואָס זיינען מיר ניט אַרויס פון שטאָט, זאָל איך ענטפערן, אַז מיר האָבן מורא געהאַט. אַלעס איבעריקע וועט ער אַליין דערציילן. אַזוי איז טאַקע געשען.

אַלע סאָלדאַטן (אַ פּופּציק בערך) האָבן מיך אַרומגערינגלט און אויפ־מערקזאַם זיך צוגעהערט צו מיינע רייד אוי צו דער איבערזעצונג.

פאַרשיידן זיינען געווען זייערע מיינונגען: אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מען זאָל מיך דערשיסן אויפן אָרט, די איבעריקע האָבן פאָרגעשלאָגן, מען זאָל וואַרטן און זיך באַראַטן וואָס צו טאָן מיט מיר.

זיי האָבן, ווייזט אויס, געוואָלט פאַרזיסן מיר מיינע לעצטע מינוטן און דערלאַנגט מיר זיסע געבעקס, צו וועלכע איך האָב זיך דרך אגב ניט צוגערירט.

עס איז אַריינגעקומען דער, וועלכער האָט מיך דער ערשטער פאַרהערט און האָט מיר געזאָגט, אַז מען האָט געקלונגען איך זאָל קומען אין קאַנצעלאַריע.

איך פרעג דעם פּאַליאַק ווי ווייט איז צו דער קאַנצעלאַריע: „צוויי הונדערט מעטער", ענטפערט ער. איך הויב אים אָן צו בעטן ווידער אַמאָל ער זאָל מיך בעסער דערשיסן דאָ. איך האָב ביי זיך פופציק דאָלאַר, דעם מאַנ'ס האַנטזייגער און זיין פּוטער. „איר קאָנט אייך דאָס אַלעס צונעמען, נאָר פירט מיך ניט אין ערגעץ און מאַטערט מיך ניט".

ער גיט מיך אַ גלעט איבערן קאָפּ און זאָגט: „איך וועל נעמען אַ וועגעלע און אַליין אייך אָוועקפירן". ער האָט מיך גענומען אויף די הענט און צוגע־טראָגן צום וועגעלע. דאָס איז געווען אַ קליין האַנטוועגעלע אַרויסצופירן מיסט.

אונטערוועגס האָב איך אים אָפּגעגעבן דעם זייגער און באַדאַנקט פאַר זיין גוט האַרץ.

מען פירט מיך אַריין אין אַ צימער אין וועלכן עס שטייען צוויי בעטן. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָרט וואוינען פּוילישע אַרבעטער, אַ מאַן מיט אַ פרוי וועלכע אַרבעטן ביי די דייטשן. זיי זיינען אַוועקגעפאָרן אויף וויינאַכטן אויפן דאָרף און ביז זיי וועלן צוריקקומען קען איך דאָ זיין.

דערווייל וועט מען זיך שוין מיט מיר דערליידיקן.

עס הויבט זיך אָן די זעלבע פּראָצעדור ווי אין דעם פריערדיקן צימער: יעדע ווײַלע קומט אַריין אַ זעלנער און באַטראַכט מיך. שפּאָט, צאָרן, און גלייכגילטיקייט זע איך אין זייערע אויגן. אָבער קיין רחמנות.

דעם אָפיצירס אָרדינאַנס, אַ מאַן פון אַ יאָר 40, האָט זיך אַרויסגעוויזן מענטשלעכער פאַר זיי אַלעמען. ער האָט אָנגעהויבן זאָרגן וועגן מיר. אָנגעהייצט דאָס אייוועלע, פּאַרקאַכט קאַווע און אַרויסגעוויזן מיטלייד צו דער דאָזיקער אומגליקלעכער באַשעפעניש.

דער פּאַליאַק, פון זיין זייט, האָט מיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט, צוגעדעקט מיך מיטן פוטער בעטנדיק איך זאָל רואיק שלאָפן, עס וועט מיר גאָרניט פּאַסירן. אין דער פרי וועט ער צו מיר קומען.

שוין דריי חדשים, אַז איך בין ניט געשלאָפן אין אַ בעט. איך קען אָבער ניט איינשלאָפן. איך ליג מיט אָפענע אויגן און באַטראַכט מיין לאַגע. פאַרוואָס בין איך ערגער פון מיינע פריינט, וועלכע זיינען געשטאָרבן רואיק, נאָר איך בין פאַראורטיילט דורכצוגיין אַזעלכע פּייניקונגען.

ווי עס ווייזט אויס, האָט מיין געדאַנק געאַרבעט גאַנץ נאָרמאַל. איך האָב געוואוסט גאַנץ גענוי, אַז אויב עס וועט מיך ווייטער אויספאָרשן די נעכטיקע פּאָלקע וועלן מיינע ליידן זיך אַזוי שנעל ניט ענדיקן. איך האָב דעריבער באַשלאָסן אַנשרייבן צום אַפּיצער אַ בריוו.

ווען עס איז אין דער פרי אַריינגעקומען דער אָרדינאַנס מיט פרישטיק, האָב איך אים געבעטן ברענגען פּאַפּיר מיט אַ פעדער. מיין דרייסטקייט איז אים ווייזט אויס געפעלן געוואָרן און ער האָט תּכף דערפילט מיין פאַרלאַנג.

דער בריוו איז געווען דורכגעווייקט מיט טרערן. עס איז מיר גאַנץ לייכט געווען צו שרייבן און אויסדריקן מיינע געפילן אין יענע מינוטן.

פּאַרזעצנדיק צו שפּילן מיין ראָלע אַלס אַ פּוילישע האָב איך אים געבעטן ער זאָל רחמנות האָבן אויף מיר און ניט מאַטערן מיך לענגער.

אויב די דערמאָנטע פּאָלקע דאַרף דאָס זיין מיין עקספּערט און איר מיינונג איז פאַר אים מאַסגעבנד, בעט איך אים ער זאָל האָבן מיט מיר אַביסל מיטלייד. געוויס האָט ער אַ פאַמיליע און האָט נאָך ניט פאַרלאָרן אינגאַנצן זיינע מענטשלעכע געפילן. זאָל ער מיט מיר מאַכן וואָס שנעלער אַן ענדע.

עס איז אַ שאָד וואָס איך האָב, זייענדיק שפּעטער אין קלויסטער, פאַר־ניכטעט דעם דאָזיקן בריוו. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט געקענט ווייך מאַכן אפילו אַ שטיינערנע האַרץ. דער אָרדינאַנס האָט אַוועקגעטראָגן דעם בריוו צו דעם אַפּיצער.

מיטאָג צייט איז אַריינגעקומען דער אַפּיצער מיטברענגנדיק אַ זעמל, פּוטער, וואורשט און שאָקאָלאַד. די וואורשט האָב איך מורא געהאַט צו עסן, עס זאָל מיר ניט פאַרשאַטן, ווייל איך בין דאָך געווען אָפּגעוואוינט פון עסן.

„עסט", זאָגט ער צו מיר, „פון אַ גוטן מענטשן קען קיין זאַך ניט פאַרשאַטן". איך האָב אים געפאָלגט און אַביסל געגעסן.

אין צווישנצייט קומט אַריין אַן אונטער־אַפּיצער. ער שטעלט אַנידער זיין פוס אויף אַ שטול, שפּאַרט אַן זיין קאָפּ מיט דער האַנט, מאַכט אַ באַ־פעלערישע מינע פון אַ גרויסן העלד און באַטראַכט מיך צוויידייטיק מיט זיינע בעסטיאַלישע אויגן. עס האָט אים ווייזט אויס געוואונדערט פאַרוואָס איך האָב, טראָץ מיין אויסגעהונגערטן אויסזען, זיך ניט צוגעכאַפּט גיריק צו עסן.

„ווי עס שיינט, פאַרמאָגט זי דאָך קולטור", טוט ער אַ זאָג צום אַפּיצער. „דו זעסט דען ניט, אַז דאָס איז אַ יידישקע", זאָגט ער ווייטער.

„מיר שיינט, אַז דו פילסט זיך גליקלעך מיט דיין אַנטדעקונג", ענטפערט אים דער אַפּיצער. רעדנדיק אַזוי זיינען זיי אַרויס פון צימער.

אַזוי איז אַריבער דער קורצער ווינטער־טאָג.

צום אונטערבוים האָב איך אויסגעטרונקען אַביסל קאַווע און האָב זיך, מיט דער מיטהילף פון אָרדינאַנס געלייגט אין בעט.

די בעל הבתים פון צימער האָבן זיך געדאַרפט צוריקקערן מאָרגן אין אוונט. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב געהאַט מער מורא פאַר פּאָליאַקן ווי פאַר דייטשן. און מיין פאַרגעפיל האָט מיך ניט גענאַרט.

עס איז שוין געווען טונקל, ווען עס זענען אַריינגעקומען אין צימער דער פּאָליאַק מיטן אָרדינאַנס. ער האָט אים געוויס דערציילט וועגן דער שכנה. ער גייט צו צום בעט און לייכט מיר אַריין אין די אויגן מיט אַ עלעקטרישן לעמפּל. איך בעט אים ער זאָל צונעמען דעם לעמפּל, ווייל די ליכטיקייט שטערט מיר.

ער נעמט מיך גלייך אויף אַ פאַרהער: „איר זאָגט, אַז איר זייט ניט קיין יידישקע? איר האָט נאָך אַזויפיל העזה? די דייטשן קענט איר עס איינריידן נאָר ניט מיר". און ווענדנדיק זיך צום אָרדינאַנס, זאָגט ער: „איר זעט דען ניט, אַז דאָס איז אַ פיינט, אַז דאָס איז אַ יידישקע? איך פאַרשטיי ניט, וואָס צערעמאָניעט איר זיך אַזויפיל מיט איר, און נאָך אין מיין צימער האָט מען זי אַריינגעפירט".

עס איז זיך גאַנץ לייכט פאַרצושטעלן מיין שטימונג, דערהערנדיק אַזעלכע רייד. אפילו דער אָרדינאַנס האָט פאַרלוירן זיין געדולד אויף אַזאַ נידערטרעכטי־קייט „וואָס גייט עס דיך אָן, דו ביסט דאָ ניט דערצו אָנצוווייזן אויף אונדזערע פיינט. האַלט דיין מויל!" האָט ער אויסגעשריען.

זיי זיינען אַרויס, און מער האָב איך אים שוין ניט געזען.

אויב נאָך דעם אַלעמען, געפינען זיך נאָך מענטשן, וועלכע גלויבן, אַז מען קען זיך איינלעבן און זיך אַסימילירן, זיינען זיי פאַרנאַרישטע פאַנאַטיקער.

איך וויל אָבער ניט דיסקוטירן אויף דער טעמע. איך וועל בעסער פאַרזעצן מיין דערציילונג.

אַרום 12 ביינאַכט, איז אַריינגעקומען דער זעלבער אָפיצער מיט זיין דאָלמעטשערן. איך האָב גלייך דערקענט, אַז זי איז אַ יידישע, ניט קוקנדיק אויף איר עכט אַרישן אויסזען. זי האָט זיך צוגעזעצט צו מיר אויפן בעט און האָט מיך געקושט מיט פיל מיטלייד, כאָטש איך בין געווען זייער שמוציק. דאָס געזיכט פלעג איך נאָך פון צייט צו צייט אויסווישן מיט אַ נאָזטיכל, נאָר די הענט זיינען, פון די קאַרטאָפל, געווען שוואַרץ ווי די ערד.

„באַרואיקט זיך, זאָגט זי, אַט דער דאָזיקער אָפיצער וועט ניט דערלויבן עס זאָל אייך געשען שלעכטס. איר האָט אָנגעשריבן אַזאַ שיינעם בריוו, אַז טרערן האָבן אים זיך געשטעלט אין די אויגן, ווען איך האָב אים איבערגעזעצט אויף דייטש".

ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַלעס טאָן, עס זאָל אייך קיין אומרעכט ניט געשען. איר וועט זיך אַביסל ערהאָלן, וועט ער אייך אַנגאַזשירן אויף אַרבעט. „צי איז דאָס מעגלעך, אַז צווישן דייטשן געפינען זיך אַזעלכע איידעלע מענטשן? ניט אַנדערש, אַז דאָס איז אַ מלאך״, זאָג איך.

ווען זי האָט איבערגעזעצט מיינע רייד אויף דייטש, האָט ער זיך געזעצט לעבן מיר, אַ גלעט געטאָן מיר איבערן קאָפּ, לאַנג געדריקט מיין האַנט און געזאָגט: „הערט זיך ניט צו, צו די אַלע שווינערייען וואָס מען זאָגט אייך דאָ, איך בין דאָ מיט אייך״.

די דאָלמעטשערין האָט מיר דערקלערט, אַז מאָרגן 7 פרי וועלן מיך אַ פּאָר סאָלדאַטן אָפּפירן קיין איזאַבעלין (20 קילאָמעטער פון וואַרשע).

דאָרטן דאַרף מען עס מיך אויספאָרשן.

„מיט אייך שיקט מען מיט דעם בריוו וועלכן איר האָט געשריבן מיט אַ באַגלייט־בריוו פון דעם אָפיצער. זייט מוטיק, ער גאַראַנטירט פאַר אייער לעבן״.

איך האָב אָבער צו אירע רייד ניט געהאַט קיין צוטרוי און איך בין געווען זיכער, אַז איך פאָר אויף אומקומען. דאָס איז מן הסתם אַ געוויינלעכער דייטשער טריק. איך קען זיך שוין גאַנץ גוט אויף זייערע טייוולאַנישע איינפאַלן.

וואָס קאָן איך אָבער דערצו העלפן?

אויסער ליגן אַ גאַנצע נאַכט און טראַכטן, איז מיר מער גאָרנישט געבליבן. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָב איך זיך אַראָפּגערוקט פון בעט און האָב פּרובירט אָנציען דעם פוטער, נאָר עס איז געווען צו שווער פאַר מיר. איך האָב אים אויסגעשפּרייט אויפן בעט, זיך געזעצט אויף אים און אַזוי איז מיר געלונגען אַריינצוקריכן אין אים. א ווײַלע שפּעטער איז אַריינגעקומען דער אָרדינאַנס מיטן פרישטיק. ער באַרואיקט מיך כלומרשט, נאָר זאָגט מיר דרך אגב, אַז אין דעם אַלעם איז שולדיק דער אונטעראָפיצער. ער האָט זיך צוליב מיר געאַמפּערט מיט דעם אָפיצער און האָט טעלעפאָנירט צו דער פעלד־זשאַנדאַרמעריע. די לעצטע האָבן פאַראָרדנט מיך אָפּצושיקן.· דער אָפיצער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו און מיר וועט זיכער גאָרנישט געשען.

אויף מיר האָבן די אַלע ווערטער ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק. מיינע געדאַנקען זיינען געווען באַשעפטיקט נאָר מיט איין זאַך. אַ טויט. אָן מאַטער־ניש, און אָן פּייניקונגען. דאָס איז געווען מיין איינציקער פאַרלאַנג. שטאַרבן, וואָס שנעלער שטאַרבן.

זיבן פרי, זיינען געקומען צוויי דייטשע סאָלדאַטן, איינער אַ שלעזישער, רעדט גוט פויליש, און דער צווייטער אַ דייטש.

זיי נעמען מיך אונטער די הענט און פירן מיך אַרויס אין דרויסן. דער

אַרדינאַנס וויל מיר לייכטער מאַכן מיין לעצטן וועג. ער פּאַקט אַן דעם וואָגן מיט שטרוי עס זאָל מיר זיין ווייכער צו ליגן און טראָגט מיך אַוועק אויף די הענט צום וואָגן.

25־טער דעצעמבער.

אַ שיינער, פראָסטיקער טאָג. די זון שפּרייט אויס אירע שטראַלן איבער אַלעס און אפילו איבער מיך אויך. עס איז וואונדערלעך, די זון ווייס משמעות ניט, אַז איך בין אַ יידישקע, אַדער זי איז ניט אַנטיסעמיטיש.

פון ביידע זייטן וועג ציט זיך אַ שיינער סאָסנע־וואַלד, די לופט איז דורכזוכטיק און דערפרישנד. איך אָטעם און זאַפּ אין זיך איין דעם פרישן וואַלד־ריח. עס הערשט אַ טויטע שטילקייט. אויסער אַ פּאָר פורלעך מיט סאַל־דאַטן, באַגעגענען מיר ניט קיינעם אונטערוועגס.

איך ליג און טראַכט. צי בין איך ווירקלעך באַשאַפן געוואָרן נאָר דערצו אַז מענטשן — חיות זאָלן מיט מיר שפּילן זייער בייזן שפּיל?

פאַרוואָס אייגנטלעך קומט עס מיר? פאַרוואָס ווער איך אַזוי גע־שטראָפט? דער אַפּיצער האָט געזאָגט, אַז נאָכן אויסהערן וועל איך צוריקקומען אין וואַרשע. נאָר געשען איז אינגאַנצן אַנדערש.

ענדלעך זייבען מיר שוין אין איזאַבעלין.

אויף די הענט טראָגט מיך דער שלעזישער דייטש אַריין אין ביורא.

איך בלייב שטיין קעגן איבער אַ הויכן דייטש מיט שיקלדיקע אויגן. ער נעמט צו ביי דעם סאָלדאַט מיינע פּאַפּירן, עפנט די טיר פון דערבאַייקין צימער, הייסט מיר אַריינגיין און פאַרשליסט די טיר.

אין אַ ווינקל פון צימער ליגט אַביסל שטרוי, קעגן איבער שטייט אַ טיש, אַ באַנק מיט עטלעכע ליידיקע עמער, און אַ קליין צעבראָכן אייוועלע. עס פעלט אויך ניט צווי הייליקע בילדער אויפן וואַנט. איך שטויס מיר אָן אַז דאָס איז אַ טורמע.

מיין מורא, ניט חלילה פאַרן טויט, נאָר פאַר פייניקונגען דערגרייט איר קולמינאַציאָנס פונקט.

אַ דייטש ברענגט אַריין אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ, איך זאָל אויסהייצן די אייוועלע און דערוואַרעמען זיך.

איך ריר זיך ניט צו צו דעם. עס איז שוין מיר אַן דעם קאַלט און וואַרעם, עס קומט דערנאָך אַריין דער שלעזיער און זאָגט, אַז זיי פאַרן אַפּ.

אויף מיין שטומען געבעט קוועטשט ער מיט די אַקסלען און זאָגט: „וואָס זאָל איך טאָן? עס איז אַ באַפעל״.

יאָ, באַפעל, איך ווייס גוט וואָס דאָס באַדייט ביי אייך. מען האָט אייך געגעבן אַ באַפעל אויסצושפּייען אייערע הערצער און אייערע נשמות האָט איר עס געטאָן, באַפעל איז באַפעל!

ער גייט אַוועק, אין אַ ווײַלע קומט אַריין אַן אַלטער פּאַליאַק, וועלכער אַרבעט ביי די דייטשן. איך פרעג אים, וואָס טוט מען דאָ מיט אַזעלכע מענטשן ווי איך? ער שאָקלט באַדויערלעך מיטן קאָפּ אַזוי ווי עס וואָלט אים באַנג געטאָן אויף מיר און גיט אַ זאָג, „פרעגט בעסער ניט".

אויב דאָס האַרץ האָט ניט געפּלאַצט אין דעם מאָמענט, אַדער איך בין ניט אַראָפּ פון זינען, איז עס באמת אַ וואונדער.

איינס בייטאָג. עס קומען אַריין די פּוילישע אַרבעטער, ברענגען אַריין עמערס מיט זופּ. אין דעם צימער ווערט עס פאַרטיילט זייער מיטאָג. איך באַקום אויך אַ ביסל זופּ. מיינע נערוון הויבן זיך אָן ביסלעכווייז צו באַרואיקן. אַ קליינער פונק פון האָפנונג טליעט נאָך אַלץ אין מיר.

אפשר איז שוין מיין בעכער פון צרות פאַרפולט און עס קומט שוין די ענדע. אין דעם גרויזאַמען ים פון האַס האָבן זיך געפונען אַ געוויסע צאָל פּאַליאַקן, וועלכע האָבן מיט מסירת נפש געפּרואווט ראַטעווען יידן. די מענטשן האָבן זיך דערהויבן צו דער גרעסטער מדרגה, אין דער צייט ווען די וועלט איז אַזוי טיף געפאַלן. זיי האָבן אויף זיך גענומען צו פאַרטיידיקן דעם מענטשן קעגן דעם גרויזאַמען באַרבאַריזם, וואָס האָט באַהערשט די וועלט און איבערהויפּט זייער אייגענעם פאָלק. אַנדערע פון זיי האָבן טאַקע באַצאָלט מיט זייער לעבן.

און אַט הויבט זיך אָן דער נס.

* * *

צווישן די זעלנער ווערט מיטאַמאָל אַ גרויסע מהומה. זיי פּאַקן אויף שנעל זייערע זאַכן און לויפן אַרום הין און צוריק. איך אָבסערוויר אויפמערקזאַם זייערע באַוועגונגען און הער זיך צו וואָס זיי רעדן.

אַן מיר האָבן זיי פאַרגעסן. אַ פּוילישער אַרבעטער האָט מיר שטילערהייט איינגערוימט, אַז די זעלנער גייען אַוועק און מאָרגן וועלן קומען אַנדערע, אפשר ערגערע פאַר די. ווער ווייס צי זיי וועלן געבן באַשעפטיקונג פאַר זופּ. מיר איז אַלץ איינס, די אַדער אַנדערע דייטשן. פינף אינדערפרי דאַרפן זיי אַריבער־פאָרן אין מאָדלין. עס בלייבן נאָך איבער צוויי אָפיצערן, וועלכע דאַרפן איבערגעבן די ראַפּאָרטן צו די ניי־אָנגעקומענע. ביים אַרויסגיין האָט זיך דער מאָיאָר דערמאָנט אַן מיר און האָט פאַראָרדנט צו די איבערגעבליבענע מען זאָל זיך מיט מיר פאַרנעמען נאָך היינט.

אין אַ שעה אַרום רופט מען מיך אין קאַנצעלאַריע. איינער הייסט מיר אויסטאָן דעם פוטער און רעווידירט אים. דער צווייטער נעמט רעווידירן דאָס

בייטל. מיינע 50 דאָלאַר האָב איך איינגעוויקלט אין אַ שמוציקע נאָזטיכל. איך בעט אים דעריבער ער זאָל מיר דערלויבן אַליין אַרויסלייגן די טיכלעך אויפן טיש, ווייל זיי זיינען שמוציק. ער דערלויבט דאָס מיר. אַזוי אַרום האָב איך אָפּגעראַטעוועט מיין געלט.

נאָכער האָט ער געלייענט די בריוו. איך האַלט זיך ווייטער ביי מיין ליגן. ער גייט אַרויס און הייסט מיך וואַרטן.

עס דויערט אַ קורצע ווילע, עס קומט אַריין אַ גלח מיט צוויי נאָנעס. איך בין זיכער, אַז דאָס גייט מען מיך עקזאַמינירן. דער גלח, אַ מענטש פון אַ יאָר 35, מיטלוואוקסיק מיט מילדע גוטע אויגן, דערלאַנגט מיר די האַנט און פרעגט מיך צו בין איך אַ רוימיש־קאַטוילישע, ווינקנדיק דערביי מיט די אויגן איך זאָל זאָגן, יאָ. איך ענטפער גאַנץ רואיק, יאָ. „אויב אַזוי קומט מיט אונדז, איר וועט זיך ביי אונדז אָפּרוען און ערהאָלן".

איז דאָס אַן אמת, איז עס מעגלעך? קלער איך.

קיין וועגעלע האָט מען ניט געקענט געפינען. מען האָט דעריבער אַ רוף געטאָן צוויי פּאָליאַקן, זיי האָבן צונויפגעפלאָכטן די הענט, מען האָט מיך אַרויפגעזעצט אויף זייערע הענט און זיי האָבן מיך אַזוי געטראָגן. הינטער מיר זיינען געגאַנגען דער גלח,ביידע נאָנעס און קינדער. אָט אַזוי האָט מען מיך מיט דער דאָזיקער פּראָצעסיע אַריינגעפירט אין קלויסטער.

אין דעם צימער פון דער עלטערער נאָנע איז געוועז צוגעגרייט פאַר מיר אַ קאַנאַפּע. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די אידעאַלע זויבערקייט און וואַרעמקייט אין צימער.

וועגן די דאָזיקע מענטשן וואָלט איך וועלן שרייבן זייער פיל, איך ווייס אָבער ניט צי וועל איך עס באַווייזן. איינס קען איך אָבער זאָגן וואָס אַזעלכע אויסערגעוויינלעך ערלעכע, גוטע, האַרצפריינדלעכע מענטשן האָב איך אין ערגעץ ניט באַגעגנט.

איך וועל עס אָנרופן גן־עדן, ווייל מיר האָט זיך אויף אַן אמת געדוכט, אַז איך געפין זיך אין גן־עדן. אַ ווילד פרעמדע צווישן זיי האָב איך זיך דאָך געפילט, גוט און פריי. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די מענטשן וועלן מיך נישט ענטווישן. יעדער פון זיי האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַ מלאך. פון דעם ערשטן בליק האָט מען געזען, אַז דאָס זיינען מענטשן פון אַן אַנדער מענטאַליטעט און אַנדערע פּסיכאָלאָגישע באַגריפן. מיט זייער פאַרהאַלטן זיך האָבן זיי אַבסאָלוט ניט האַרמאָניזירט מיט דער גאַנצער פאַרפעסטעטער אומגעבונג.

די עלטסטע נאָנע, אַ פרוי פון אַ יאָר 68 — אַן אמתע פאַרקערפּערונג פון ערלעכקייט און גוטסקייט. זי האָט מיר גלייך געגעבן אַ טעלער מאָנע זופּ. בעת מיין עסן, האָט זי מיר דערווייל צוגעגרייט אַ ריינע בעט, אירע אייגענע ריינע וועש, אַ שיסל מיט וואַרעמע וואַסער, און אַ האַנטוך.

„ווייַן ניט קינד״, זאָגט זי צו מיר, „דו וועסט זיך איינוואַשן, אויסשלאָפן אין אַ ריינע בעט און וועסט זיכער אין אַ קורצע צייט געזונט ווערן״. מיין דאַנקבאַרקייט איז געווען אָן אַ גרעניץ. איך האָב גלייך אַרויסגענומען מיינע לעצטע 50 דאָלאַר און עס געוואָלט איבערגעבן דער נאָנע פאַר דעם קלויסטער אָדער פאַר אַן אַנדער צוועק וועלכן זי וועט געפינען פאַר נויטיק.

„ניין מיין קינד, זאָגט זי, דו ביסט יונג און קראַנק, דאָס געלט וועט דיר געוויס צונוץ קומען״.

איר גוטסקייט האָט מיך גערירט ביז טרערן, איך האָב איר צערטלעך אַ קוש געטאָן אין האַנט. זי האָט מיר געוואָלט מיטהעלפן זיך וואַשן נאָר איך האָב זיך אַנטזאָגט, שעמענדיק זיך צו ווייזן איר מיין אויסערגעוויינלעך מאָגערן קערפּער. און ווירקלעך, ווען איך האָב זיך אויסגעטאָן האָב איך אַליין ניט געקענט זיך פאָרשטעלן מיין דאַרקייט.

עס איז פולשטענדיק ניט געווען קיין איינציקער פלייש־מוסקול, יעדער ביין איז געווען אַרויסגעשטעקט ווי אַ שאַרפער מעסער. וואַשן דעם קאָפּ האָט מיר פאַרפעלט כוח. דאָס האָט געטאָן די שוועסטער צומאָרגנס. זי איז דערביי געווען איבעראַשט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די האָר זיינען ניט געווען געקאַמט גאַנצע דריי חדשים, איז אין זיי אַבסאָלוט ניט געווען קיין לייז.

און אָט ליג איך אַ ריינע אויסגעוואַשענע אין אַ זויבער בעט און טראַכט וועגן אַלעס וואָס עס איז מיט מיר פאַרגעקומען און וואָס עס קומט איצט פאָר. יעדע פאַר מינוט קומט אַריין אַן אַנדער נאָנע און פרעגט וואָס מיר פעלט און צי איז מיר גוט. יאָ! מיר איז זייער גוט, אָבער ווי שלעכט עס איז וואָס זיי האָבן צו דעם אַלעם ניט דערלעבט, און זיי האָבן דאָך אַזוי שטענדיק גע־טרוימט און געזאָגט: „ווען וועלן מיר שוין זיין מיט מענטשן גלייך, איינוואַשן זיך, זעצן זיך נאָרמאַל ביי אַ טיש, און עסן אַ געקאָכטע קאַרטאָפל?״.

אַזוי ווי מייז זיינען זיי אין פינסטערניש און אין שמוץ אויסגעגאַנגען אונטער דער ערד.

גאַנצע טעג און נעכט פלעגן ביי מיר אַוועקגיין אין געוויין. איך האָב געלעבט די גאַנצע צייט מיט דער וויזיע פון מיינער און זייער טראַגעדיע.

צומאָרגנס 7 אין דער פרי איז אַריינגעקומען דער גלח און געפרעגט מיך וועגן מיין נאָמען און פאַמיליע. „איך דאַרף אייך איינמעלדן אין דער פוילישער פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט, כדי צו קענען קריגן פאַר אייך מעדיצין און בעסערע דערנערונג, ווייל עס פעלט אונדז ליידער אויס״, דערקלערט ער מיר.

איך האָב אים נאַטירלעך אַנגעגעבן מיין אַרישן נאָמען.

עלף קילאָמעטער איז ער געגאַנגען צופוס כדי צו באַקומען פאַר מיר דאָס

נויטיקע. מיט אים איז מיטגעקומען די לייטערין פון דער אינסטיטוציע, וועלכע האָט מיטגעבראַכט איינשפּריצונגען, מילך און אַנדערע פּראָדוקטן.

ווי איך האָב שוין פריער באַשריבן שטעלט מיט זיך פאָר אַט דער גלה אַ טיפּ פון פולשטענדיקער איידלקייט און גוטסקייט, זיין מילדער קוק, וואַרימע און האַרציקע רייד האָבן געווירקט אויף מיר ווי זונשטראַלן.

אייניקע מאָל טעגלעך פלעגט ער אַרייַנקומען אין צימער, צורוקן אַ שטול צו מיין בעט, זיך זעצן און באַמיען זיך צו צושטרויען מיך מיט פאַרשיידענע אַבסטראַקטע טעמען, כדי איך זאָל פאַרגעסן וועגן מיינע ליידן. אונטער דער ווירקונג פון די דאָזיקע הייליקע מענטשן האָבן לאַנגזאַם אַנגעהויבן פאַרשווינדן פון מיינע אויגן די בעסטיאַלישע געזיכטער פון די אכזריותדיקע דייטשן. עס האָט זיך מיר געדוכט אַז איך ווער ניי געבאָרן.

דער גלח פלעגט מיר ברענגען ביכער צום לייענען, מיר פלעגן דיסקוטירן אויף פאַרשידענע טעמעס, באַמיענדיק זיך אויסצומיידן רעליגיעזע מאָמענטן.

איך האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, אַז ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איך בין אַ יידישע, נאָר ער האָט ניט געוואָלט ריידן וועגן דעם כדי ניט פאַרשאַפן מיר ערגערניש.

איך בין שוין געווען אַזוי צוגעוואוינט צו אכזריות און פּיין, אַז איך האָב ניט געקאָנט באַגרייפן און אָפּשאַצן די איידעלע געפילן, וואָס די מענטשן האָבן מיר אַרויסגעוויזן און בין אָפט געווען גלייכגילטיק צו דעם אַלעם.

זעקס יאָר האָבן מיר געלעבט אין אַ וועלט פון האַס, מאָרד און נידער־טרעכטיקייט. די דייטשן האָבן פאַרגיפט דאָס מענטשלעכע אין אונדז. כדי צו ראַטעווען זיין לעבן האָט יעדער פון אונדז זיך געמוזט פאַרשטעלן, זאָגן ליגנס און שפּילן פאַרשיידענע קאָמעדיעס. שוין זייענדיק אויף דער פריי אין כעלם, פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז איך דאַרף נאָך אַלץ זיך פאַרשטעלן און זאָגן ליגן. עפּעס אַ ווילדע שרעק פלעגט מיך נאָך אַלץ פאַרפאָלגן.

און איצט נאָך דעם ווען עס איז שוין אַלץ פאַריבער, איז אונדזער טראַ־געדיע ניט פאַרענדיקט און אַ פרישע אַנטיסעמיטישע כוואַליע פאַרגיסט דאָס לאַנד. יעדער איינער פון אונדז, וועלכער קערט זיך אום אין זיין געבורטסשטאָט ווערט באַגעגנט פון אונדזערע פּוילישע שכנים מיט האַס און יעדערנס אויגן פרעגן פון וואַנען און נאָך וואָס קומסטו ווידער אַהער?

אין מיינע אָפטע שמועסן מיטן גלח פלעג איך וועלן באַרירן די ראַסן־פראַגע נאָך איך האָב עס שטענדיק אָפּגעלייגט אויף אַ צווייטן מאָל. איך האָב ליב געקראָגן די דאָזיקע ערלעכע, איידעלע מענטשן און וועל זיי אייביק דאַנק־באַר זיין.

איך האָב זייער געוואָלט מיט וואָס עס איז נוצלעך זיין די דאָזיקע מענטשן. קיין פיזישע אַרבעט האָב איך ליידער ניט געקענט טאָן און האָב זיי דעריבער געבעטן צו געבן מיר עטוואָס צום נייען. איך האָב זיי נאָכאַנאַנד געדאַרפט איבערצייגן, אַז איך שטרענג זיך דערביי אַבסאָלוט ניט אָן. אויף אַזאַ אופן האָב איך געשטופּט די צייט, וועלכע האָט סיי ווי ניט געהאַט פאַר מיר קיין ווערט.

זייער שווער איז פאַר מיר געווען צו שפּילן די ראָל פון אַ פּאָלקע. איך האָב געטרוימט וועגן דער מינוט ווען איך וועל קוקן יעדערן דרייסט אין די אויגן און זאָגן אַז איך בין אַ יידישע. איך פלעג נאָכאַנאַנד פאַרברענגען שלאָף־לאָזע נעכט, מיין איינזאַמקייט און אומבאַהאָלפנקייט האָבן מיך שמערצלעך געדריקט. די אויגן זיינען געווען רויט און אויסגעברענט פון וויינען. איך האָב באַשלאָסן צו גיין מיט דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד און ניט טראַכטן וועגן מיין צוקונפט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז מיין לעבן האָט זיך אָפּגעהאַלטן אין זיין לויף און איז אַריינגעפאַלן אין אַ תהום. איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז איך וועל ווען עס איז קענען אָנהויבן מיין לעבן פון דאָס ניי. מיר דוכט זיך, אַז קיינער ווי איך האָט ניט דערקענט דעם טויט מיט זיין גאַנצן פּרצוף.

דעם 17טן יאַנואַר 1945, 6 פרי, זיינען מיר אַלאַרמירט געוואָרן מיט דער איבעראַשנדער נייעס, אַז די רוסן זיינען געקומען. איך האָב ניט געגלויבט מיינע אייגענע אויערן. אין גאַנצן דריי וואָכן נאָך דעם טויט פון מיינע טייערסטע. נאָך עטלעכע קילאָ רויע קאַרטאָפל און אַ ביסל געפרוירענע בורעקעס וואָלטן זיי דאָך אויסגעהאַלטן. אָ! ווי שרעקלעך עס איז די איראָניע פון גורל. אַ נייער שטראָם פון טרערן גיט אַ פליס פון מיינע אויגן.

איך בין פריי! די מינוט פון מיין באַפרייאונג איז געקומען. אָבער איך בין אַליין, אינגאַנצן אַליין. איך האָב ניט מיט וועמען צו טיילן מיין פרייד און אויסגעבן מיין סוד. אַזוי ווי אַ קליין קינד שטיי איך אין מיטן וועג און ווייס ניט וואוהין, צו וואָס און מיט וועמען? איך רוק זיך אַרויס פון בעט און גיי צו צום פענצטער. פון דעם שכנותדיקן צימער קומט אַריין אַן עלטערע פרוי, פאַלט צו מיר צו מיט אַ געוויין און זאָגט מיר אויס, אַז זי איז אַ יידישקע, גלויבנדיק אַז איך בין דאָס זעלבע. אויך פריער פלעגט זי אָפּט אַריינקומען צו מיר, לאַנג שמועסן און זיך נאָכפרעגן וועגן די וואַרשעווער יידן. איך האָב געהאַט צוליב דעם אַ גרונט צו גלויבן, אַז זי איז אַ יידישע, נאָר ניט זייענדיק אינגאַנצן זיכער אין דעם פלעג איך איר געבן אויסמיידנ־דיקע תשובות.

מיט אַ צייט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז כמעט אַלע פרויען, וועלכע האָבן זיך דאָרטן געפונען, זיינען געווען יידישע. די איינציקע פון זיי וועלכע איז צו מיר אָפּט אַריינגעקומען מיך טרייסטן, איז געווען די אויבנ־

דערמאָנטע פרוי וואַנדאַ ראַגאַטסקאַ פון וואַרשע. אַלע איבעריקע פלעגן אויס־מיידן מיין בעט, כדי ניט וואַרפן קיין חשד אויף זיך.

איך קוק אַרויס דורכן פענצטער און זע זעלנער אין אַנדערע מונדירן. ווירקלעך, דאָס זיינען טאַקע רוסן.

ווען איך קען איצט אַרויסגיין, צולויפן אין וואַרשע און אַ קוק טאָן אויף מיינע טייערע טויטע, וועלכע ליגן נאָך געוויס אין סכראַן, אָדער לויפן קיין פּראַג זיך דערוויסן אפשר לעבן מיינע שוועסטער. נאָר ווי קען איך עטוואָס אונטערנעמען, אַז איך בין אַ קאַליקע. מיינע פיס קענען ניט טראָגן דעם דאַרן קערפּער.

אָ, קובאַ! וואו ביסטו?

עס קומט ווידער אַריין די שוועסטער און באַשטעטיקט נאָכאַמאָל, אַז די רוסן זיינען ווירקלעך דאָ. מיר מוזן זען איבערשיקן אַ ידיעה קיין פּראַג. עס איז אָבער ניטאָ קיין קאָמוניקאַציע. איך מוז וואַרטן אויף אַ פּאַסיקע געלעגנהייט. צומאַרגנס האָט זיך מיר געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט, איינער פון אונדזערע מיטוואוינער (אויך אַ ייד) איז געגאַנגען קיין פּראַג. די עלטערע שוועסטער בעט אים ער זאָל מיטנעמען פון מיר אַ בריוו צו מיין שוועסטער. איך שרייב שנעל אַן דעם בריוו, ניט האָבנדיק די מינדעסטע זיכערקייט וועמען דער בריוו וועט טרעפן. איך שרייב זיך אונטער באַסיאַ, כדי צו אַנדייטן זיי מיין איצטיקן נאָמען. איך וואַרט אַן שום האָפנונג אויף אַן ענטפער.

אָנשטאָט אַ בריוו האָט זיך אויף איבערמאָרגן געעפנט די טיר און עס איז אַריין מיין שוועסטער. באַשרייבן מיין פרייד און איבעראַשונג בין איך ניט אין שטאַנד. עפּעס בין איך מיטאַמאָל לייכט געוואָרן און האָב אויפ־געהערט פילן מיין שוואַכקייט.

מיר האָבן אויסדערציילט איינע דער צווייטער אונדזערע שרעקלעכע איבערלעבונגען. די אינגסטע שוועסטער איז נאָך דעם פּוילישן אויפשטאַנד פאַרטריבן געוואָרן דורך די דייטשן קיין דענענמאַרק. וועגן דעם האָבן מיר זיך דערוואוסט מיט צוויי חדשים שפּעטער. פון אונדזער גאַנצער משפּחה זיינען איבערגעבליבן איך, די שוועסטער און איר קינד. באַקומענדיק מיין בריוו האָט די שוועסטער איבערגעלאָזן דאָס קינד ביי באַקאַנטע פּאַליאַקן און איז צופוס געלאָפן זיך איבערצייגן, צי דאָס איז אַ חלום אָדער אַן אמת. די נאַכט איז פאַריבער אין געוויין און ערינערונגען וועגן אונדזערע אייגענע.

איצט דאַרף מען אַרויס פון דעם דאָזיקן אָרט, ווייל ערשטנס קען מען ניט זיין צו לאַסט די גוטע מענטשן און צווייטנס דאַרף מען שוין ווערן צוריק דאָס וואָס מען איז. נאָר עס פרעגט זיך וואוהין? אין וואַרשע איז קיין וואוינונגען ניטאָ, און אויב עס געפינט זיך ערגעץ וווּ אַ צימער, וועט מען

דאַך אונדז, אַלס ייִדן, ניט צונעמען. מיר האָבן זיך דעריבער דעצידירט צו אַנגעבן זיך אויף ווייטער פֿאַר פּאָליאַקן. אויף דעם פֿאָרשלאָג פֿון דער עלטסטער נאָנע, איז די שוועסטער אַוועקגעפֿאָרן ברענגען דאָס קינד צו מיר, כדי זי זאָל זיך קענען פֿרייער באַוועגן און זוכן אַ וואוינונג.

אין צוויי טעג אַרום האָט זי זיך צוריקגעקערט מיט איר אינגעלע.

אַדאָס (אַזוי הייסט ער) האָט זיך געהאַלטן וואונדערבאַר. צוויי מאָל אַ טאָג פֿלעגט ער גיין אין קלויסטערל דאַוונען, אַזוי אַז ער האָט ניט פֿאַראַטן זיין געהיימניש.

ליידער בין איך געווען געצוואונגען צו פֿאַרבלייבן דאָרטן נאָך גאַנצע 6 וואָכן. איך האָב איינפֿאַך ניט געקענט אַרומגיין.

די שוועסטער האָט ענדלעך אויסגעפֿונען אַ צימער אין אָטוואָצק.

דער גוטהאַרציקער גלח האָט געדונגען אַ פֿור. די נאָנע האָט מיך מיט אמתע מוטערליכע זאָרגפֿעליקייט אַרומגעוויקלט אין אַ דעקע און אַרייַנגעזעצט אין וואָגן. מיט טרערן פֿון דאַנקבאַרקייט און האַרציקע ברכות פֿון גלח און פֿון דער שוועסטער האָבן מיר פֿאַרלאָזן די דאָזיקע געבענטשטע הויז און אירע וואונדערבאַרע איינוואוינער.

קומענדיק קיין פּראַגע האָבן מיר געדאַרפֿט וואַרטן ביז אָוונט ביי דער בריק צו אַריבערגיין אויף יענער זייט. ווען עס איז געוואָרן טונקל האָבן מיר זיך פֿאַראיייניקט צו אַ גרופּע אַרבעטער און זיך געלאָזט גיין איבער דער בריק. גאַנץ שנעל בין איך אָפּגעשטאַנען פֿון די איבעריקע מיטגייער, כ׳האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער פֿאַרענטשע פֿון בריק און געבליבן שטיין ווי אַ געליימטע ניט קענענדיק זיך ווייטער רירן פֿון אָרט. די שוועסטער איז אַריין צו אַ באַקאַנטער פּוילישער פֿרוי און געפֿועלט ביי איר זי זאָל אונדז לאָזן איבערנעכטיקן. צומאָרגנס האָבן מיר געדונגען אַ פֿור, וועלכע האָט אונדז געדאַרפֿט צופֿירן צו דער באַן־סטאַנציע. אַריינפֿאָרנדיק אין דעם ערשטן וועלדל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און דערקלערט, אַז ווייטער וויל ער ניט פֿאָרן (באַצאָלט האָבן מיר אים פֿאָרויס). ער האָט, ווייזט אויס, דערקענט אַז מיר זיינען ייִדן.

מיר זיינען ווייטער שטיין געבליבן אין מיטן וועג. גראָדע זיינען פֿאַרביי־געגאַנגען צוויי פֿרויען. זיי האָבן ניט געקענט צוזען אונדזער געוויין און הילפֿלאָזיקייט און האָבן אונדז צוגעפֿירט צו דער באַן־סטאַנציע.

מיט גרויס מי האָבן מיר זיך דערשלעפּט מיט דער קלייַן־באַן קיין אָטוואָצק. מיר האָבן אָפּגעזוכט דאָס הויז וואו די שוועסטער האָט געדונגען פֿאַר אונדז דעם צימער. מיר קומען אַריין אין אַ קליינער שמוציקער קיך. עס באַגעגנט אונדז אַ יונגע פֿרוי מיט צוויי קליינע קינדער. „וואו איז אונדזער צימער? פֿרעג איך. אָט דאָ אין קיך וועל איך אָוועקשטעלן פֿאַר אייך אַ בעט וואו איר וועט קענען שלאָפֿן”, ענטפֿערט זי. געדונגען האָט

די שוועסטער אַ דירה, נאָר עס האָט זיך אויסגעלאָזן אַ ווינקל אין אַ שמו־ציקער קיך.

מילא, מען מוז זיך באַגנוגענען מיט דעם. איך מוז דאָך ערגעץ וואו אנידערלייגן דעם מידן, קראַנקן קאָפּ.

אינצווישן קומט אַריין דער בעל־הבית. „באַקענט זיך מיט אונדזערע שכנים״, זאָגט זי שמייכלענדיק צו אים. ער דריקט אונדז די הענט, באַטראַכט אונדז אויפמערקזאַם און זאָגט: „איר מוזט מיר אַנטשולדיקן מיינע דאַמען, איך האָס די דאָזיקע ראַסע און וועל דעריבער ניט פאַרדינגען אייך קיין צימער״. די שוועסטער בעט אים ער זאָל אונדז דערלויבן איבערנעכטיקן, מאָרגן וועלן מיר אויסזוכן אַ צימער.

אויסגעלאָזן האָט זיך דערנאָך, אַז ער האָט זייער גערן באַקומען די ראַסע, ווייל ער האָט אונדז געבעטן, מיר זאָלן זיך ניט אַרויסציען פון זיי. ניט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג, זיינען מיר געווען געצוואונגען צו וואוינען אין דער שמוציקער קיך פולע דריי מאָנאַטן.

גאַנץ צופעליק האָט זיך אונדזערער אַ כעלעמער באַקאַנטער דערוואוסט וועגן אונדזער עקזיסטענץ. ער איז צו אונדז געקומען און דערזעענדיק אין וועלכע באַדינגונגען מיר לעבן האָט ער פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן פאָרן מיט אים אין אונדזער היימשטאָט כעלם.

אין שטאָט זיינען דאָ עטלעכע צוריקגעקומענע יידן, ער האָט אַ פאַר־העלטניסמעסיק גוטע וואוינונג, וואו מיר וועלן זיך קענען באַזעצן. פון אים האָב איך זיך אויך דערוואוסט, אַז מיין אומגליקלעכע מוטער איז אומגע־קומען, זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן מיט אַ גרופּע יידן אין אַ קעלער. אַ יונגער פּאָליאַק האָט זיי אויסגעגעבן און מען האָט זיי אַרויסגעפירט און דערשאָסן.

דער אויסזיכט, אַז מיר וועלן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פון אונדזערע פאַלשע נעמען און ווערן דאָס וואָס מיר זיינען, האָט גובר געווען מיין שוואַכקייט.

מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג...

* * *

און אַט בין איך שוין אין מיין היימשטאָט כעלם. דאָס איז שוין ליידער ניט קיין שטאָט, נאָר אַן אמתער בית עולם. יעדער שטיין אַ מצבה, יעדעס הויז אַן עדות פון אומגעקומענע קדושים.

ווען מיר וואָלטן געקענט פאַרשטיין די שפּראַך פון דעם ווינטל, וועלכעס שאָקלט די בלעטלעך אויף די ביימער אין די אויסגעליידיקטע גאַסן, וואָלטן מיר זיך זיכער דערוואוסט וועגן פיל טראַגישע סצענעס, וועלכע האָבן זיך

דא אפגעשפילט ווען די תליונים האבן געטריבן אונדזערע עלטערן, שוועסטער און ברידער צום אומקום.

אונדזער גאַנצער אַרום שטיקט מיט די שווערע, דריקנדע בילדער פון די קאַשמאַרע טעג. אונדזערע פוילישע שכנים באַגעגענען אונדז מיט אַן אפענעם האַס אין זייערע אויגן. מען זעט בוכשטעבלעך אַ פאַרדריסלעכע פאַרוואונדערונג ווען זיי קוקן אונדז אָן. פון וואַנען האָבן מיר זיך גענומען? און ווי אַזוי זיינען מיר פאַרבליבן?

„דאָך האָט זיך אַ ביסל פון אייך געראַטעוועט, זאָגט אונדז אַפּנהערציק אַ באַקאַנטער פּאַליאַק מיט אַ טאָן פון קנאה.

טאָג איין טאָג אויס בלאָנקע איך זיך אַרום איבער די אויסגעליידיקטע פון יידן גאַסן. דורך די פענצטער וואו עס פלעגן פריער אַרויסקוקן פנימער פון יידישע קינדערלעך מיט זייערע טונקעלע, אומעטיקע אויגעלעך, קוקן איצט אַרויס בלויע פרעמדע אויגן פון פוילישע קינדער, וועלכע טראָגן געוויס אויף זיך די קליידעלעך פון די אומגעקומענע. איך שטיי אויף קאַפּערניקאַ. די זון הויבט אָן צו פאַרגיין. די רויטקייט דערמאָנט מיר די פלאַמען פון די פאַרברענטע יידישע הייזער.

עס קומט מיר אויס, אַז פון אירע שטראַלן רינט דאָס בלוט פון די געפייניקטע. אינסטינקטיוו מאַך איך צו די אויגן און מיר דוכט זיך, אַז איך הער זייערע לעצטע קולות. עס הויבט אָן צו ווערן טונקל. אויפן הימל באַווייזט זיך די לבנה. איר בלייכע העלקייט שרעקט מיך אויך, דערמאָנט מיך אָן די אויסגעבלייכטע טויטע פנימער. אויף יעדן שריט באַגלייטן מיך די פאַרשטאַרטע אויגן פון קובאַן, וועלכער איז ווי איינגעשלאָפן אויף מיין שויס אין סכראָן.

איך פיל אַז קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן דעם גרויל און פיין פון די פאַרגאַנגענע יאָרן.

כעלם, מאַי 1945.

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן דאנק: דער דיכטערין איידע מאַזע פאַר איר מיט־הילף ביים ארויסגעבן דעם בוך.

דעם קינסטלער בצלאל מלחי, פאַר דער קינסטלערישער הילע.

דעם פריינט ש. תלפיות, ווי אויך דעם פריינט ד. קאַהען, פאַר זיין איבערגעגעבע־נער ארבעט ביים דרוקן דעם בוך.

ד ע ר ק אַ מ י ט ע ט.